ARGUMENTATIVE DIALOGUE: 30-37, 37-44

דער

# כּל בּוניק

קארטינעס פינ'ם יורעשין לעבין

פון

## עלי קצין הצחקואלי

(מחבר פינ'ם פולישען יונגעל)

בשנת תרלו לפ"ק

ДЕРЪ КОЛЪ БЕЙНИКЪ

ЖИТОМИРЪ

Въ типографіи И. Бакста.

1876

# ЗАПИСКИ ЛИНЕЦКАГО

первый выпускъ

## ДЕРЪ ПРИЧЕПЕ

критическія и юмористическія статьи

ОДЕССА

1876.

# ליניעצקי'ס כּתבים

דאס ערשטע העפט

## דער פּריטשעפּע

קריטישע סאטירשע און הומאָריסטישע מאמרים און גערדיכטע.

אדעסא

שנת תרל"ו לפ"ק.

נאכדרוק שטרענג פערבאטען!

# מענדעלזאהן אונ דער בעל שם

ביא וויפעל טויזענטער קעפ האט שוין דער מארח אויס געטריקענט ,
וויא פיל מיליאנען פעדערען האבען שוין דיא שרייבער צו שפארט ,
וויא פיעל פאבריקען פאפיר זענין שוין געווארען שמאטעס , וויא פיעל
טייכער טינט זענין שוין פאר גאבין געווארען , אלץ וואס מען שרייבט אונ
מע שרייבט , מע זעצט אינ מע דרוקט , אונ צום סוף האט מען נאך ניט
איין שלעכטע מדה אוס געבעסערט , ניט איין גוטע מדה אריין גבלאזען
דער מיט , — דער חסיד שטארבט מיט זיין פאנאטיזמוס , אביא ער האלט
צו דיא יארמילקע א מינוט פארין טוט , גייט ער שוין גלייך אין לעכטיגען
גן עדן אריין :. דער קאלטער דייטש פאלירט דיא נשמה באם סטאס —
אביא ער עסט אויף א ווערימיקע פלאם ביא דער גסיסה : — ער זאגט פאק
א גלייך ווערטעל דערביא : ווען מען וועט מיך שוין שמייסען פאר דער
פלאם וועל איך שוין וויסען אז איך בין ש״ן איבער געקומען .
דער קלאמערשט געבילדעטער נעמט איין א מיתה משונה באם
קאל—דע—קאק , אביא ער לאזט איבער זיין בילד מיט עטליכע האר דער
גליבטער צום אנדיינק , מיינט ער אז דער מיט שטארבט ער שון
א קאזאק . — היינט פון וועמען נאך האט מען צו ריידען ? פון פיסטע
שארלאטאנס פון זינדיגע לעהדיגגערס . זייא קען זיך אוודאי אזו העלפן


דאס

Дозволено Ценворою Кіевъ
31 Декабря 1875 г.

נאכדרוק שטרענג פערבאטען!

דאס שרייבן וויא אפיקומן צום קדחת — אונ באמת איז דאס מיר קיין חדוש ניט. מאלט אייך ווען מיר האבן גהאט אונזר אייגענע רעגירונג, אונזר בית המקדש, אונזר נאציאנאליטעט אונ מען איז אביסל נעהענטער צו גאט גוועזן וויא היינט, איז אוך איטליכער נאך גגאנגען זיין גשמאך האלז. אונ מע האט ניט גהערט, ניט דעם פאעטישען ישעיה. ניט דעם וויינענדיגען ירמיה, ניט דעם פאנטאסטישען יחזקאל, ביז כאיז פון אינז געווארן א תל, אונ דיא ג׳יאים זענין דאנקען גאט קיין ליגנערס ניט גבליבען, נא, איז בייא אייך נאר א טיזענטיל כברא. אז א שאט האלץ איבערען כאפ האט ניט גהאלפן וועט א שטעכווערטעל העלפן.

הא? וויא פיל איידעלע. טיפע. מאראלישע אידען פליהען שון ארום אין דער לופט פון דיא צעריסענע, פארפוילטע ביכער, וויא פיל קריטיק׳ס איבער יודישע פעל׳ער האבען שון מייז אויפגעפרעסען, דיא לופט ווערט דאך אל׳ץ ניט ציוויליזירטער, דיא מייז ווערן ניט סטאטעטשנער, אונ אונזערע הארטע יודעלאך שטייען נאך אלץ אויף איין שטאנד, — אוף איין שטאנד, וואלט מיך נאר ניט גארט, אדרבה איך וואלט נאך משונה צו פרידין גוועזן, וואס דאס דען גפעלט א מאהליגע חסידים חוץ בילדונג, וואס איז דען אפגעגאנגען פארצייטישע משכילים חוץ חסידות, וואס מיינט איר, דער וואס האט מיסד גוועזן דאס חסידות איז עפעס גוועזען א לידאק, ניין העלעבין, דער בעל שם איז גוועזין א גרויסער מאן, א פאטריאט, א באריהמטע רעפארמאטער, ער האט דען דס חסידות ניט געגרינדעט אהן א צוועק. דאס קען מען פשוט פון פראסטע צווייא פאקטען ארום זעהן איינס וואס איז דען, דער יסוד פון חסידות, עבודה בלב, נא, אפשר א שלעכטע סיסטעם. הא, וואס דען סאיז גלייכר אפציקלינגען

טויזנט



טויזנט בלאט גמרא אונ ניט וויסן צו וואס אונ וועסט וועגין, גלייכער אפצושלאגען זיך דיא ליפען מיט טויזנט שטיקער פיוט. אונ מיט אכטצעהן פזמון׳ס אונ שלמונית׳ן אביא דער מחזור זאל אומזיסט ניט ליגען, הא, אוודאי איז גלייכר איין הערצליכע ביטע, איין אינערע גפיהלע צו גאט פון טויזנט פיסטע יוצרות מיט סליחות, איר ווייסט שון לאנג דעם מאמר רחמנא לבא בעי — גאט וויל נאר דאס הארץ מע קען זיך זעהן וואס פאר א רושם דאס חסידות האט דעמאלט גמאכט, אז דיא אלע וואס האבן אהנגענימען דיא מעטהאדע זאגען טאקע זייער פרום גוועזין צו גאט אינ זייער ארענטלעך צו לייט, קוקט ניט דרויף וואס דער שבחי בעש״ט שרייבט אזו פיל שטותים אופין בע״ש, אונ וואס דיא היינטיגע חסידים דערציילן אזוגע מאוסע פאטשטען אופן בע״ש מיט זיין חבריא, דאס איז גאר אלץ געפלוידערט, דעם שבחי בעש״ט האט גמאכט אליניצער שוחט. עפעס א ווילדער טפוש, ער האט גמיינט, אז ער וועט דעם בע״ש א גרויסע טובה טאן דער מיט וואס אלעקסע האט אים אטרינק וואסער גבראכט פונם ג״ע התחתון. צו אז ר׳ ליב שרה׳ס האט פראנץ יאזעפען געשינדען פאסעס מיט דיא נעגיל, נאר לאמיר זשע ווידער צו ריק שמיעסען, איך בעט אייך, וויא קען א נארישער חסיד האבען א שענערען באגריף פון אזא גרויסארטיגען מאן, מיר זעהן דאך וואס חסידים פאר ׳גינען זיך צו ריידען וועגין וועלט זאכין, א שטייגער וויא איך האב אנימאלט גהערט א חסידישען שמיעס וועגין תכסיסי מלחמה: איינער פרעגט דעם אנדערין, זאג מיר שמעיה, איך בעט דיך, וויא אזוי שיסט מען — וויא היסט וויא אזו — ענטפערט שמעיה — עס איז גאר פשוט, מע הייבט זיך אוף אונ כע גייט אונ מע נעמט עפעס אזוינס למשל כדומה אשטייגער אזוינס וואס אי׳ עפעס למשל. כמין שפופרת

ארעריל

(א רעריל) אונ מע נעמט צו הייכט א—א—א—. . ; יא נא, וואס פאר
שטייסטו דא ניט, · עפים אזוינס כמין תתיכה אונ מע נעמט אונ מע
לייגט דאס אריין סאמע צו הייסט אין חלל אריין, אונ דער טמא
מטומאניק, דער ערל, וויא הייסט ער דער כפרה׳ניק, דער ישמעאל
הייבט זיך אויף אין געהט אונ נעמט דעם גאנצין ענין צוא, הייסט
דעם מאראראם אין דיא טרפה׳נע ידים אריין אונ ציט עס אויס כדומה
למשל אשטייגער וויא להבדיל בין אלף אלפי אלפים הבדלות דר אלטער
מגיד ציט אויס דעם לולב ביא דער לעצטער נענע—אונ אז ער לאזט
נאר ארויס פון זיין טרפה׳נעם פיסקאטש דאס ווארט פוי! אזוי ווערט
מאקע מיניה וביה פונם שונא א נל של עצמות „שמעיה״, רופט זיך
אן אנשיל מיט וואסטארג, ביסטו שון א פנים עס הייסט וויא זאגט מען
א גאנצער תקרן, נוא מילא אלץ איז רעכט, נאר איך בעט דיך דיא
קשיא אויך דיא איינענע מעשה, זעלטעם אנדערש זיין אז דער פוי
רוקט זיך סאמע דורכ׳ן חלל, וויא זשע קומט עס דער שונא זאל זיין
אזא ווילדער טפוש זיך גאר לכתחלה שטעלען א קעגן חלל, אין פליג איז
דאך דיא קשיא, הא, עפעס פריקרע — אי שוטה — טוהט זיך שמעיה
אביינער — דאס איז בפירוש הותנה, אז ער מוז שטיין אקעגן חלל, אין
פליג איז דאס דאכט זיך קרים, נאר דיא סברא גיט אזו מיט, ווארום
ישמעאלים האלטן אים צוא, צוא הייסט א קעגין חלל, אונ דער דריטער
מאכט פוי. — אזו זאגט אנשיל מיט א שמייכעל — איז זיך דער מדרש
לויכענדיג, — נא הייגט קען מען שון פאר שטיין וואס פאר א תפיסה
אזוינע טארבעטרוסניקעס קענען האבן אין אזא בע״ש, אבער צום אמת
איז דער בע״ש גוועזין אלס רעפארמאטאר, אלס לערער, אונ דיא חבריא
אלס נאכפאלגער, אלס תלמידים, קיין פדיונות האט מען ניט געריסען,

אין



אין קאריטעס איז מען ניט גפארין, קיין ספירט האט מען ניט גטרונקען,
קיין טוטע האט מען ניט לעבעדיג גמאכט, נאר קיין לעבעדיגע האט
מען דעם טוט ניט גמאכט. . מע איז נאר געזעסין על התורה ועל העבודה,
אונ איטליכער האט געהאט א מלאכה וואס האט מפרנס גוועזן ווייב אונ
קינדער, ארענטליך וויא עס דארף צו זיי: נא, איך בעט אייך וואס
קען אזא קלאס מענטש קאלע מאכן דעם גלל״, — איי וואס, היינט איז
דאס חסידות גאר פאר ביטען גווארען, עבודה איז גאר א טרינק בראנפן,
תפלה, איז א רעטשאניקעל, מדות טובות—א הייסע באבקע, — אלא מאי
דער גרויסר פהילאזאף, מענדעלזאהן, וואס האט אויך אין איין צייט
כמעט מיטן בע״ש מיסר גוועזן דיא השכלה, האט זיך אויך ניט גיריכט אז
פון זיין טהעאלאגיע (דיא לערע פון דער גאטהייט) זאל גאר זיך אויס
לאזען צו פאל—דע—קאק, פון מעטהאפיזיק (לעהרע פון רוחניות) —
א פרעפעראנס, אונ פון ציוויליזאציע — א ווערעמדיגע פלאם:.. אבער
דער צוועק פון דיא צווייא גרוסע רעפארמאטארען איז דען ניט גוועזן
מערקווירדיג, דער צוועק איז גוועזן. יודען ארום צוא שלעפען פונים
פערקוואטשען אונ פאר שפארטען צושטאנד, וואס זייא זענין גשטאנען,
אונטער רבנישע, לומדישע, מתנגדישע קייטען, ווארען פאר דיא ביידע
רעפארמאטארען, האבען זיך יודען גפירט אונטער דער מתנגדישער
סוסטעד, יעדער רב האט גמאכט נייע תקנות, יעדער גאון א נייעם חרם,
יעדער ראש ישיבה׳ניק א נייע גזרה, יעדערער האט זיך ארום גשטעלט
מיט זיין גאונית, מיט זיינע חריפות, אונ דער נאראד איז איבר דעם
אויסגעריסען גווארען, דער דיין מיטן שמש איז גוועזן אקיראט וויא דער
תלין מיטן גנאט, אזו היים איך אונ פרעג ניט קיין שאלות, קיינר האט
זיך ניט געקענט צוהערען צו זיינע איינערע געפילע, קיינער האט ניט

גטארט

גטארט אורטהיילען מיט זיין שכל, עס איז שון גקומען צו אזא שטופע אז מע האט שון כמעט גאר פאר געסין וואס הייסט גאט, וואס איז תורה, ווער בין איך, ווער מען דין איך, אונ וואס איז מיין תכלית, מע האט נאר געוויסט וויא דער קאלדאט, סלושבע. מע דארף דאווענען זייגער זעקס ווארום אזו פסקת דער תשב"ץ. מע דארף לייגען תפילין, ווארום אזוי הייסט דער רדב"ז, ער מוז שלאפן שמיני עצרת ביא נאכט אין סוכה אינעם גרעסטין פראסט, ווארום אזו זאגט דער גאון. מע דארף צדקה געבין פורים אונ עיו"כ: ווארום אזו האט גוזר גוועזן דיא שו"ת הרשב"א, אונ כדומה. אבער פון דעסט וועגין טיא איך. צו וואס טיא איך. דאס האט מען גאר ניט גטארט פרעגין, אזו איז געבליבען דאס פאלק פר גרעבט גווארען. יעדענס גייסט, יעדעס מוטה, יעדענס געפיהל, איז אזו לאנג געליגען פאר שלאפין אין איהם, ביז כאיז טאקע אזו געשטארבען אין זיין הארץ, ערשט אז דיא צוויא פאטריאטען זענין אוף גשטאנען. אונ האבען א קוק גטאן וויא געבונדען וויא געפענטעט דאס הארץ מיטן גייסט פון זייער נארד איז, האבען זייא אנגעהויבען ביסלך וויים רעפארמאטירען דאס גלויבין, דיא תורה, דאס פאלק. יעדער זאל מעגען פאלגען נאך זיין אייגען געפיל, יעדער זאל מעגען אורטהיילען אין רעליגיע נאך זיין גראדין פארשטאנד, מע זאל וויסען וואס הייסט תפילין, וואס הייסט סוכה, וואס בעטייט צדקה, צו וואס פירט דיא רעליגיע בכלל, אונ עבודה בפרט. מיט וואס קען מען זיך פארגלייכען צו גאט, אונ מיט וואס הייסט מען מענטש, נאר וואס רען יעדער פון דיא צוויא האט דער צו אנדער סוסטעם פאר גשלאגין, לויט דיא אומשטענדע אונטער וועלכע יעדער האט גלעבט, דער בע"ש איז גוועזן אין פוילין, וויא יודען זענען נעביך זייער ערנידעריגט גוועזן ביא דיא פאני וועלימאזשנעס, האט ער שון קיין

נחת



נחת אינ'ם וועלטליכען לעבען ניט גקענט ארויס זעהן. ער האט גאר פאר בויגען דיא וועלט פאר יענער וועלט: אונ האט מיט א קבלהיסטושע סוסטעם נאר גזארגט פאר יודעשקייט אליין. אונ האט אריין גגעבען אין דער רעליגיע נייע בעגייסטערונג, נייע פאעטישע כוונות, אז מיט זייא זאל דער יוד נעביך פארגעסין אין זיינע טאג מעלכע צרות, אונ דיינקען נאר אין העכערע וועלטען אין נסתר אריין, מענדעלזאהן אבער האט גילעבט אין דייטשלאנד וויא יודען האבען שון אויך אנגעהויבען א ביסל גילטין פאר מענטשין האט ער נאר בא אנפט יודען א יין אוף וועקען פון זייער פאנאטיזמוס, אונ געבין זייא א בעגריף אין דער רעליגיע מיט מעהר שכל, מיט מעהר איבער לייגונג. אז זייא זאלען לערנען תורה אלס א גאטליכעס ווערק, אונ אלס א מענטשליכעס גיזעץ. אום צוא איבערצייגען אנדערע נאציאנען, אז אונזער רעליגיע פערבאט אונז ניט נייצליכע בירגער צו זיין אין יעדען לאנד, דער ביא האט ער נאך חוץ מיט זיינע ראיות קריסטין דיא או גין גיעפענט זייא זאלן אנדערש קוקין אונ דיינקען איבער אונזער גלויבין, אבער ביידע האבען זיך טאקע נאר געמיינט איינס. יודען זאלען מעהר פארשטעהן דיא גאטהייט, זך מדריך זיין אין זיינע מדות, אכטען דיא תורה, טיהן דיא מצות מיט כוונה, אונ ערענטליך זיך פיהרען אקעגין אלעמען! ביידע האבען געלערינט מע זאל גיבען דיא פריוועליגיע דיא נשמה או פון גוף, נאר באם בע"ש האט עס גיהייסען „גוף ונשמה", אדער „חומר וצורה" אין בא מענדעלזאהן „קערפער אונד זעלע" אדער „שטאף אונד גייסט" דער חסרון איז נאר גוועהן, וואס דער השכלה האט געפעלט א הייסערס פרוס פנים, אין דעם חם דות—עסטעטיקע, (דרך ארץ) אויך וויים איך ניט צוא איז דאס אזא גרויסער חסרון, אט זעהן מיר זיך וויא מע

לאכט

לאכט אוים דעם פאבסט וואס ער מ״שט זיך אין וועלט זאכען, אונ נאפאלעאנען, וואס ער מאכט א מאהל א פרומע תנועה!.. דער אונגליק איז נאר וואס דיא צווייא רעפארמאטארען האבין גאר ווייניג נאכפאלגער געהאט, אונ דאס ביסעל האבען זייא אויך ערשט אויף דער עלטער בעקימען, מע ווייסט זיך שוין וויא שווער עס איז יודען פון זייער נידריגען שטאנד ארוים הייבען, קארג האט משה געהאט צוא טהון איידער ער האט זייא פון מצרים ארוים געשלעפט? קארג האט עזרא הסופר איבער געטראגען איידער ער־האט זייא פון בבל ארוים געפירט? קארג האט דער גרויסער רמב״ם געליטען איידער ער האט דערוויזען אז גאט איז ניט א גרויסער מענש מיט לאנגע פים? אזוי האבען נעבאך דיא צווייא אויך געליטען איידער זייא האבין געפינגען עטליכע מבינים אויף זייערע מענשעליבליכע לערעם! וואזשע איז גיווארען דער פון? אז ווען איינינע האבין שוין א ביסיל דער קענט דיא צווייא לייט, האבען זייא זיך שוין אבער אסך ניט גדרויערט, אונ נאך אזוינע בע״ש מיט מ״ז קריגט מען שוין ניט אזוי גיך, דאריבער איז דאס פייער גיך אויס גילאשין, אונ דיא צווייא סעסטעמען האבען ניט ערר״ייכט זייער אמת׳ן צוועק! פון דעם אלעמען זעהן מיר ארוים אז וויא גיט עס וואלט געווען יודען זאלען שטיין אויף איין שטאנד, אז יעדע סעקטע זאל זיך האלטען אין איהר יסוד, יעדע זאל זיך מיה געבען צוא ערר״ייכען דעם תכלית ה׳; וואס איר רעפארמאטאר האט געמיינט לויט דיא צייט פארערט, ביז זייא וואלטען זיך ביידע פעראייניגט צוא איין תכלית! וואס טוט מען אבער אז דיא צווייא סעקטין, לא די זייא האבען קיין שום צוועק אין זייערע לערעם ניט ערר״ייכט, האבין זייא נאך זיך גאר מיט דיא חסרונות געביטען, דעם חסידות פעלט חסידות אין דער השכלה פעלט בילדונג, אונ ביידע צו





זאמען, פעלט זייא נאך גאר מענשליכקייט?.. אמת עס געפינט זיך נאך אי דא אי דארט פאלקאמענע מענער, וואס זייא פאלגען נאך זייער ציל, אונ היטען אפ דעם אמת׳ן מיטעל פונקט — וויא פיל זשע געפינען זיך אזוינע מושלמים א זשמענקע, אי דאס זענען זייא צוא שייר אונ צו שפרייט אין ארבע פנות העולם, זייא לאזען זיך אפילו הערין מיט ציימונג, מיט ניצליכע ראמאנען, מיט קלוגע מוסר ספרים, נאר וואס העלפט עס אז גאר ניט דארויף קיקט ארויס דער נאראר, בא איהם איז גאר גלייכר א בבא מעשה, א לידעל פון ב״ב א היסענעקורע פון דער רוח ווייסט ווערען, חוץ לזה זענען אנדערע מושלמים נאך אויך ניט יוצא וויא עס בעדארף צו זיין, זייא בערירען נאר וויא נעהענטער, א לאנגע בארד לאנגע פאות, לאנגע קאפאטעס, אונ וויא עס איז שוין ווייטליך, קערצע פאהקעליך, געציפטע בערדליך, גיהאקטע רעקליך, דארט באריהרען זייא גאר זעלטען, אונ צום אמת וואס ווערט מען אוים שלאגען פונם חסיד? קיין לעקיך אוודאי ניט, ווארען דורך וואס קען פון איהם ווערען לעקאך? ער האט דען א שענערין שפיגיל פאר זיך? פון וועמען זאל ער זיך לערנען, פון א עיט צבוע? פון א האבות והבנים? פון א ספר המדות? פרעגט איהם צו ווייסט ער גאר פירוש המלות אין זייא? ווארען דאס רעכטע העברייעשע ווערק קען נאר אוים בילדען אזעלכע וואס פר שטייאן שוין האטש א ביסיל, אבער מיט וואס האט זיך דער חסיד גיהאט צו בילדען ביז אהער? זעהט איר זינט דער זשארגאן האט זיך געוואוועט, אונ האט אן גיהויבען ניטצליכע ווערקע ארוס גיבען, קען מען שוין פאר האפען, אז מיט דער צייט ווערט דער זשארגאן ערר״ייכען דעם פיינעם ליטערארישען שטיל, אין דעם וועלן אפילו גאר דיא פראסטאקעס אויך אנהייבען פערזיכען דאס ליכט פון דער היינטיגער ציוויליזאציע, (אויף צו להכעים אלע זשארגאן

פער פאלגער איבער הויבט , אין דעם הויכוואקסיגען—געבוי[illegible]טען
ליטוואק דייטש מיט דיא ברילען , וואס איך האב איהם [illegible] ניט
לאנג אין אדעססע פארגעלייגט מיין פוילישע יונגעל , ד[illegible] ער זיך
פלוצים , אינמיטטען זיין גישפרעך פון מיליתידיקע וועג[illegible] מיט
פארפיליך אין מאן . צו בייזערט גאר אויף דייטשערים [illegible] ברויכען
נישט קיין זארגאן , וויר סטרייבען זיך מיט אלע כוחות אוים צוא
ניצטאזען דעם פאר פעסטעטען זיארגאן !" א יא א מאלאדיעץ מיין
לאנגער ברילינגער דייטש ! אין א דייטש איז ער ערשט ניט לאנג
גיוואהרען , זינט זיין ליטוויצקע איז אריין אין א פיקסען מאנטעל , זיין
ער אין א קאפעליש , נאר פון ווען ער האט פיינט זש[illegible]רגאן ווייס איך
ניט חיבייא זינט גארדאן האט ארוים גיגעבען "דיא [illegible]ארד") נאר ווען
זשע דיא שרייבר זאלן קיינער ניט פאנקיווען ! וואס י[illegible]ו קארג פאנאטיקער
איז דא אונטער יודן וואס פארין גאר ניט צו קיין צדיק [illegible] זשע איז
שוין דא שולדיג , דא שטעקט זיך שוין ניט קיין חסידות נ[illegible] וואס דען
איטליכע נאציע האט זיך איהרע זלידניעס , איהרע אלטע עמערשע
מנהגים , אין יודן זאגען אוך דאס זעלבע—אט וויפיל אריסטאקראטען
איז פאראנען , וואס פארין צו א גוטן יודן , אין שטיפן איהם אריין
אונטער ווייל[illegible]כם א פדיון'דעל ב"פ ח"י , א פאר אויסלענדערשע
פאנטעפעלאך , א מיילאנדער אטלעסענער זשיפעצעל , אין נעמן ביא
איהם אפ מיט א שלש סעודות פייגעלע , א שמירה'לע , א קאמע'לע ,
אין פריטא אז זייא קומען א היים זאגען זייא ניט דען דאס אייגענע וואס
פריער ? נא ווער איז דא שולדיג ? הלוואי וואלט מען מיר גיווארפן געלט
אין קארעטע אריין . וואלט איך זיך אויך חלעבין ניט גיפוילט אריין לייגין
גאנץ טיף אין קעשענע ! וואס איז דער פראסטער קאטוליק מיינט דען
ניט



ניט , אז מיט זיין פדיון וואס ער גיט דעם קסיאנז נעמט ער ביא איהם
אראפ אלע עבירות מע גרייזט נאר וואס מע רופט איהם גוטער יוד ,
ער הייסט נאר קלוגער יוד ; ווארין דארין דאיע , א ראזומגיע בערע !
נאר לאמיר צוריק שמיעסען , ווער גיט דען געלט דיא גוטע יודן ? דיא
פליאסקעס וואס וואלגערין זיך אפ יארין ווייס אין קלויז ניט , דיא פלארטען
וואס רעכענען זיך אין חברה בארשט אוודאי ניט , ווארין זייא זאלען
האבין דיא ממתקים וואלטין זייא גאר קיין חסידים ניט גיוועזן — ווער
זשע דען גיט ? דבורה'קע דיא גבאי"טע ? זיסיל דיא גאטטעכע ? מינצע
דיא קירעלאפניצע ? מיר דאכט אז דעם גוטען יודען איז נאר נכאם ומאום
צו קיקען אויף זייער פארשמאלציוועטע יאמפערקים ! נאר איבערין קערביל
מוז ער עס טוהן . ווער זשע גיט פארט דא[illegible] קערביל ? — שאט פעטער !
בייזערט זיך ניט , עס זאל אינז צו קיין חרפה ניט זיין , דאס קערביל
גיבן אונזערי קורצע רעק , אינזערי גירעזירטע בערד , אינזערי ווערעמדיגע
פלוימען ! אי אנקעגין וואס טוען זייא דאס ? גערהט פרעגט זייא זייט
מוחל ! מן הסתם האבן זייא א כוונה דער ביא , דער רבי נעמט ביא
אים 5 נעמט ער אויף דעב קאנט ביא יענים צוא ת"ק ! אונ ווייטער ,
ווער ווייכט ? עס קאן זייער גיט זיין . אז זייא האבין מאקי פשיט בורא
פאר א גוטן יודן ! א קשיא אויף א מעשה ! יא אזוינע בייש[illegible]פילען זעהן
מיר אפט , אז דיזראף וואס דער חסיד לאכט שוין לאנג דארוים האט
ערזשט דער הויזער אריסטאקראט מורא דער פאר . . . א גא פריווט גיט
דעם הוילען דייטש א מיליאן , ער זא[illegible] גיין באנאכט אויפין היילעגן ארט ,
וועט ער זיך ניט גיין , אין דער ברויכער קברות יוד האט גאר קיין מורא
גנבענין דיא תכריכים האלבע נאכט ! . . . וויא פיל קאלטע דייטשין
שייען זיך צו שלאפין אליין אויף עטליכע צימערין , אין דעם רבינס
גבאי

גבאי חאפט מען ניט איין מאל ביי נאכט אין פאליש פון שול !. נישמער וויא אזו עס איז שוין דארט, צו פאר מורא צו פאר א אנשטעל לע״ע האב איך דער לעבט, אז דיא הויכע אריסטאקראטין האלט אוים דאס חסידיזם, אין דאס חסידות האלט אוים דיא פאלשע אריסטאקראטיע, אוודאי איז דאס א שיינער בייט, מע מעג זייא ביידע מקנא זיין, אויף דער מציאה, נא קען מען שוין היינט דורך נעמין דיא פאלשע וועלט? לכן איז מיין עצה אזוי איינס פון דיא צווייא, אדער מע זאל זייא לאזין לויפין ביז זייא וועלען זיך אפשר אליין ארום קוקין וואס פאר א פנים זייא האבין ביי דען צוויליזירטען וועלט, אדער מע זאל זייא אלע גלייך שונדין דיא הויט. עס זאל גאר קיין מיוחסים ניט זיין, — דיא הופט איז צו זעהן אויף 4 זאכין 1) מע זאל אלע מענטשין גלייך בעהאנדלין, ווער עס פארדינט לויב, אונ ווער איז שאנדע זאל ניט געשאנט ווערין, עס מעג זיין א חסיד אין א פראק, צוא א הולטאיי אין א פאנטאפיל ! — 2) דערוויזען מיט ראיות אז דער פאלקאמענער הייסט נאר, ווער עס בילדעט אוים דעם גייסט אין דער ביי פערנאכלאסעגטער אויך ניט דעם גוף — דאס הייסט צוא גאט אין צוא לייטין. 3 פירין דיא קריטיגע אויף א גלייכען ברייטען וועג וויא דיא בעליגיע מיט דיא בילדונג זאלין זיך ניט שטערין, ניט שטויסין ! — 4) דערווייזען אז יודן קענען זיין גאנץ ערליכע יודין צו גאט אין טאקע דער ביי גאנץ פיינע בירגער צום לאנד אין דאס פאדערט טאקי אונזער תורה, אוודאי ווען אלע רעכטע מחברים זאלין זיך נעמין צו זשארגאן, מיט איין האנד זידלען פאר פעלער, אין מיט דער אנדערער לויבין פאר מעלות אין מדות טובות, אין דער צייט גייסט ארבעט זיך דער ווייליע אויף זיין מאשינע, קענין טאקי זייער גוט זיין, אז מיט דער צייט וואלטין דיא 2 סעקטי

ניקומען



גיקומען צו איין יסוד, אין דער יסוד פון ביידין איז זיך גאר איינס, אונ וויא באלד איינס אונ א גוטס וועט עס שוין קענין באשטיין א קעגין א סך שלעכטע אונ דער אמת וועט ארויף קומען וויא בוימיל אויף וואסר !. דיא הויבט נאך אלעם מיין פאר אלעם, דער אנפאנג דער אויסלאז אונ דיא מיט איז נאר טאקי דיא 3 גע׳ציילטע ווערטער ואהבת לרעך כמוך. כ מ ו ך !...

## נאהר צו ליב זיך ניט צו ליב קיינעם

עס געפינן זיך אין היינטיגע צייטין א סך פאריווע יודין, וואס זענין האלב חסיד, א פערטיל דייטש, א דריטיל ערליכער יוד, איין ארץ אפיקורוס, א שטיקעל געבילדעטע א רעשטיל חבדני״ק, אין אזוי ווייטער, אונ ווען איר וועט ריידין מיט זייא, צו איר וועט פרעגין אויף זייא, צו וואס שפילין זייא אזא פאלשע ראלע? ווער נייט זייא צוא ווארפין זיך אויף אלע זייטין? וועט מען אייך ענטפערין, א, ער איז א יונג מיט שפארין. ער טייג צו דער וועלט, ער קען איטליכן פאר דרייען א קאפ, חסידים צו ליב איז ער א חסיד, דייטשען צוא ליב, א דייטש, אפיקורסים צוא ליב איין אפיקורוס — מתנגדים צוא ליב, א מתנגד״ וכדומה... א טהייל וועלין אייך ענטפערין מיט א רחמנות פנימיל, הלעבין ער איז א גאנץ פיינער מענטש, נאר וואס קען מען טואן אין היינטיגער וועלט? דיא פרנסה פאדערט אז מען מוז יעדין צו ליב טאן, אבער דוא פריוו זיך נאר ריידין מיט איהם? וועסט דוא זעהן אז ער איז א וואהרער פרייגאסט, א געבילדעטער מענטש, אונ האט פיינט דיא פאנאטיקער וויא חזיר״ — נא אצונד פרעג איך אייך מיינע ליבע

לעווער

לעזער , איז דאס עפעס א גוטער תירוץ ? דאס ווייס איך זיך נאך פריער , אז ווען יענעם צו ליב איז ער יענץ וועט ער מן הסתם מיר צו ליב זיין דאס , וואס זשע איז דאס פאר א חטיבה ? מיט וואס פערדינט ער נאך דא א גיט ווארט ? נאך א מאהל , דיא וואס אפפערין כבוד אין געלט פון זייער געוויסען וועגין , וואס זוערין פערפינסטערט אין פערשוואַרצט פאר זייער אמת וואס ווילען ניט פאר קויפין זייער סאוואסט . זייער איינינע איבער צייגינע פאר כל הון דעלמא ; נאר דעם דרך וואס זייא האבין זיך פאר גינומען . דיא איינציגע מעטהאדע וואס דער גראדער פערשטאנד האט זייא איבערצייגט . אן דעם האלטין זייא זיך שטאהל אין אייזין . און פערבייטין עס ניט צו ליב קיינעם אין דער וועלט—פאר זייא . לא די קיינער פארענטווערט זייא ניט , זיכט נאך איטליכער אויף זייא מלמד חוב צו זיין . אין זייא קומען צו שאנד אין צו שפאט ביי יעדין אין דיא אויגין . „עט זאגט מען — ער איז א פארך . ער וויל נאר דער ווייזין אז ער שטעלט אויף זיינס . נאר מיטין אמת וויל ער אויסקיכען דיא וועלט ! מען מוז אבער היינטיגע צייטין צו ליב טואן יעדען אין זיין פאך” . אין אויף דיא פארעווע יודין איז נאך דא טויזינטער וואס זאגען מלמד זכות . אין טהיילין זייא צווא כבוד אין געלט פון אלע זייטין , נאך דער מעטהאדע נאך . דארף שוין א פנים זיין אזוי אז דער גוטער מעכאניקער וואס מאכט ווירקליך דיא אויסגעצייכענטע אונ ניטצליכע מאשינען . זאל פערדינען שאנד אין שפעט פון יעדען ; אונ דער פאקוסניק ; וואס פערבלענזט נאר דיא אויגין אינ שטעלט פאהר א קיצע קוה פאר א ווינדמיל . ער זאל פון יעדין גילויבט ווערין , אונ פאר וואס . וויל דער מעכאניקער מאכט נאר איין ווערק . צו וועלכין זיין שטודיום האט איהם גיבראכט . אין דער פאקוסניק

מאכט



מאכט טויזינטער טאשענשפילען , צו ליב יעדען . אין אלע זאגען ניט ווערטה איין שמעק טאבעקע ? . . ניין ברודער ! דאס איז א פאלשע מעטהאדע , ביי אונזערי זיידעס האט זיך אוודאי אזוי ניט גיפירט ! —

וואס פאר אהארץ קען דאס פיהלען
וועמען קען דאס איינפאלן אין זינען
אז פארן אמת . זאל מען פארשפילען
אונ פארין שקר זאל מען געווינען . . .

נאר הערט אויס מיינע לעזער : איך זאג אייך ; אז ניט פאר צו ליב קומט גלויבט צו ווערין . איך וועל אייך ווייזען אז דער תירוץ פון דיא פאריווע יודין „זייא טוען צו ליב יענעם” איז גאר פאלש . דוא פרעג ניט דעם רופא נאר דעם חולה . איך אליין בין איבער גגאנגען אלע קלאסין . ווייס איך שון גאנץ גוט אז צו ליב איז אליגין צו ליב קאסט טייער . אונ מע גייט באַרפס . אט וועל איך אייך אוס רעכענען דיא אלע עבודת זרות וואס איך האב איבער גערינט וועט איר זעהן אז מע טוט נאר צו ליב זיך ניט צי ליב קיינעם . — א חסיד בין איך גוואַרן . ווארום איך האב אקוק געטון אז דער טאטע פערמוטשעט מיך מיט דער גמרא . ער שטאפט מיך מיט ש”ס אין פוסקים פון א רייכען מחותן וועגין ער זאל קענען נעמען אין בייטיל אריין . וויא מען שטאפט א פסחדיגען הינדיק פונם קראפ וועגין ; האב איך זיך מיישב געוועזן וואס דארף איך זיך מוטשען אוף אביי ורבא'ס מחלוקת וואס דארף איך קוועטשין רש"י'ס כלומר וואס גייט מיך אן דעם תוספות פירש בקונטרס . וואס דארף איך שוויצען אופן מהרש"א'ס ור"ל . וואס ניצט מיר פאלין אוף דעם ש"ך'ס שפיצלאך אונ אויפין פרי מגדים'ס גרייזעליך , אונ ניט וויסען פון א וועלט צו זאגין — בעסער וועל

איך

איך ווערין א חסיד. בין איך פון דיא אלע זאכען שון פרייא (וואָרום חסידות איז זיך העכער פון תורה) און דער צו וועל איך ערשט קענען לעבען וויא גאר אין פראנקרייך. גזלען און ראבעווען ניט לערנען ניט דאווענען. א שנאפס מיט א רעטשאניק א טאנץ מיט א שפרינג און ווייטער חי...

א מתנגד בין איך געווארען: איך האב א קוק געטאן אז דער רבי מיט דיא חסידים עסין מיך אוף מיט דיא ביינער. דער רבי ווייסט דיא סודות פון דיא וואס מאכין פאלשע בילעטין און ווירד אזוי איין געדרייט אינם עסק. אז אים קומט צו זיצין אין אסטראג קאסט מיך. חסידים דער ווארגען איינעם פאר ויצמח קאסט מיך. דיא רעביצין לאזט אפ טרייבען פון איר קרובה א זעקס חדשים'דיג נפשיל. קאסט מיך. וכדומה. האב איך זיך מישב געוועז און בין געווארן א מתנגד. היינט זענין מתנגדים אויך פטור פון [illegible]ניצן אין דאווענען... נא וואס זשע האַרט עס מיך. בין איך א מתנגד אויך. אדייטש בין איך געווארען. איך האב אקוק געטאן אז מיט א פאר גרייזעליך, מיט איין איילענקיטייען זשיפיצעל. מיט יוחטענע פאנטעפעליך, מיט ווייסע תחתונים'ליך, און מיט א צעחראסטעט הערצעלע קען מען ניט קומען ניט אין קיין טהעאטער, ניט אין קיין צירק, ניט אין קיין קרוב, ניט אין קיין פאנעראמע, וכדומה... אין א לייטעשער דאמענגעזעלשאפט האט מען גאר אפנים וויא חזק, האב איך זיך מיישב געוועז און בין געווארן א דייטש אויך, איז מיר שון אין צווייען גוט, דיא חסידישע מדות זענין מיר געבליבען אין דיא קלאמערשט דייטשע מעלות האב איך אויך באקומען דורך א קליינקייט, דיא הויפטראלעם שפילען זיך דא גאר צווייא ווערטער, לאנג און קערץ, לאנגע פאנטאלאנען, לאנגע בייא האר, א לאנגע צינג, א לאנגען

קאלנער



קאלנער מיט מאנקעטין און א לאנגע רעזינקע ביים קאפעליש, היינטע קורצע פאות, קורצען שכל, א קורצען ראק, א קורצע באָרד, און אָב גקורצטע יאר און טעג, פאר אזוינע קלייניקייטין קען איך שון אימערום ארום שטעלען א שטערען, ראמאנסירען מיט א מאמזעל, עסין דאס וואס חסידים רופען „דארע קושקעס" רוקערען אום שבת, און נאך עפעס...

איין אפיקורוס בין איך געווארען, איך האב א קוק געטהון, אז איין עבירה קריינקט מיך נאך, א ניט כשר'ער ביסען שטערט זיך מיר פאפעראק, דיא איקרע נידזעט מיך, דיא תפילין שטעלין זיך מיר פאר אין חלום, דיא שדים מיטשען מיך אין שלאף, פאר נעגיל וואסער, דיא ציצית פאטשען מיך אין פנים, פערבארגענע עבירות שלעפין מיך צום בית דין של מעלה, האב איך מיך מישב געוועזין און בין מיט א מאהל געווארען א אפיקורוס, אז איך גלוב שון אפילו ניט אין זיך, אליין אויך, נאך אזוינע טוזענט עבודת זרות האב איך געדינט.

נא מ־נע ליבע לעזער! וויא פאר שטייט איהר? צו ליב וועמען האב איך געטאן דיא אלע זאכין? חלעבין ניט צו ליב קיינעם, טאקע נאר צו ליב זיך אליין, פאר וואס בין איך צו ליב פרושים קיין פרוש ניט געווארין? פאר וואס בין איך צוא ליב בעל מלאכות קיין בעל מלאכה ניט געווארין? פאר וואס בין איך צו ליב קדושים קיין קדוש ניט געווארין? וכדומה, אזעלכם וואס ריהרט אן גוט ביים קנעפעל? האט מיר ניט גטויגט, א נאר בין איך? איך דארף גאר טאן מיר צו ליב, יענעם האטש אונטער דעם רוקען ת"ק פייגען ארום שטעלען, אבי ער מיינט אין דיא אוגין איך בין צו גאט און צו לייט. און בין מיט אלע בראט, אנא

פרעגט

פרעגט נאר דעם בארעוועץ יודען, פאר וואס איז ער ניט צוא ליב אלע בעלי צדקות א בעל צדקה? צו ליב קראנקע א מבקר חולים'ניק? צו ליב ארימע קינדבעטערים א קוואטער. דער פאר וואס מען זאל אוס האלטן דעם קינדבעטש מיט דעם ברית? צו ליב געבילדעטע א אמתר משכיל זיין! דאס טויג איהם ניט. ער טוט נאר צו ליב זיין נפש'ל ווייטער טויג אים אלעם אויף כפרות. ער איז א חסיד קען ער זיין כל בו. שווינדלען, דרייען, אבנארען דוא וועלט, בכבוד'ע שרובים טאן. קרעדיט הובין אונטער דער מאסקע. ער איז א דייטש, קען ער טאנצן מיט מאמזעלין וויא דאס איז א מאדע. ער איז אמתנגד, קען ער ריידין אויף א גוטען יודען וויא איהם טויג. ער איז איין אפיקורוס קען ער שלאפין איבער עטליכע צימער און קיין מורא ניט האבין פאר שדים ער איז א חבד'ניק· קען ער אויספירען גוט דאווענען און גוטע יודעשקייט.

היינט פארגעסט ניט אז ער איז דיא אלע זאכין אין איינעם. איז זיך אים טאקע גאר גוט וויא דיא וועלט, צום סוף וויל ער נאך איינריידין אז ער טוט דאס צו ליב יענעם אבער גאר לא מיט א פור, גלובט מיר אויף מיין יודישקייט. אזו וויא איך האלט שון אפילו איצט אז איך בין שון קלאמערשט א שטיקיל משכיל, לאס איך דיא גוטע יאהר האבען וויפיל גיטע מדות איך נעם מיר פאר און איך נארף זייא אוועק, טאקע נאר דאריבער, וואס איך געפין ניט אין זייא מיין עגאיזמוס! און ניט נאר איך אליין, איך האב אויך גיזעהן א סך אזוינע משכילים אין היינטיגען דור. וואס ווילען זיין רעפארמאטארין אין פראגרעסיסטען, און אז זייא געפינען ניט זייער חשבון דערבאי פערטר עפעטשין זייא באלט מיט העגד אין פים.

זיכפריינד האט א מאהל איינגעפירט קאמיניזמוס צווישען זיינע
מיטקווארטיראנטן



מיטקווארטיראנטין, א כלל עס זאל זיין מיינס דיינס און דיינס מיינס, א קיצור ער פלעג שלעפין יענעמס שבת-דיגען ראק און באד אריין. יענעמס טהע און צוקער, יענעמס וועש, יענעמס טאבאק. אפילו יענעמס שטיוויל, א כלל ער איז דיא גאנצע צייט גיוועזין א קאמוניסט, נאר איינמאהל האט ער עפים דער זעהן וויא זיין קאמעראד האט גינומען זיינע בערשטליך אויף שטיוויל פיצין, אט דא האט ער זיך צו בייזערט און האט איהם אויס גיזידלט וויא א הונט. פון דענמאלט אן איז ער אויס קאמוניסט!...

כבוד פרעסער האט א מאהל איין געפירט פראגרעסען אין שול, מען זאל זיך ניט קריגין איבער עליות, ששי און רביעי זאל זיין גלייך, מען זאל געבין חודש געלט אויף ספרים קויפען, מילא איז ער א גאנץ יאהר ניט גיגאנגין דאווענען, דאס חודש געלט האט ער אויך אפ געלייגט אויף ערב יום כפור און צו מנחה איז ער נישט גיקומען. ער האט מוחל גיוועזין מלקות מיט דער קערה, דער סוף האט זיך אויס גילאזט, ער איז שוין א מאל יא גיקומען אין שול אריין, האט מען איהם אויף געריפן רביעי, און דער מאנט אן דעם חודש געלט, איז ער ברוגז גיווארן און האט א נדר גיטאן, ער זאל שוין קיין מאל ניט גיין דאווענען אין שול אריין! —

פעדערמאכער האט א מאל איינגעפירט א חברה מען זאל קלויבן וואכען געלט צו שטיצען יודישע שרייבער, נאך דיא חברה האט גאר פאר געסין אז פעדערמאכער אליין איז אויך א וויסטער שרייבער, און האבין אים אליין פאר קאסיר גימאכט, אוודאי האט ער זיך אליין אזו לאנג געשטיצט ביז עס איז ניט געבליבן א גראשין פון חברה געלט, א כלל דיא פאריגע יודין מיינען נאר צו ליב זיך און אזוי ווארפין זייא

זיך אויף אלע זייטן ראבעוועט דא אין חאפין ביא יענעם, דער תירוץ איז ער מיינט צו ליב יענים, נא אז עס איז יא אזו, לאזשען מיר זשע אלע פאריגע יודין מוזל זיין וואס איך שרייב אויף זייא, וואארין איך קען אייך זאגין דעם אייגענים תירוץ „איך מיין ניט צו ליב זיך, איך מיין צו ליב יענים —

## א סצענע ביים טעראראוקער רב,

א שטיבעל מיט אבגעפאלענע ווענדליך, דיא ערד צוריעט פון היגער, דער רב זיצט אויבענאן אויף א ביינקיל, לעבין א גרויסען פיר עקיגען יאסינאווע טיש, מיטין לאפענמיטצעל פאריקט אויף דער פאטיליצע, אונ איין האנט האלט ער א גראבין שמעק טאבאק אונ מיט דער אנדערר קראצט ער זיך אין ביזעם, צווייא בעלי דינים קומען אריין אונ שטעלין זיך פארין טיש,

לעמיל פוקס —(א שניידער מיט אויס גיקראכינע האר אונ רעדט אויף א קוויטש) א גוט מארגין רבניא ; א וויסטע פרנסה? הא! איר ווייסט זיך מיין אלט טייטש ווארט, בגפו יבוא בגפו יצא, ער איז גיוועזין א סמארק ! אונ וועט בלייבין א סמארק · א שניידער יאק א שניידער, נאר ניט לעמיל לאזט זיך שפייען אין דער קאשע אריין, א יא רבניא? שטי מאלדרא ווינעשטא, שטי!—

דער רב (קען קיין ריי"ש ניט אויס ריידין) זאגט עב לעמיל וואס באפט איה? לעמיל: אזו רביניא האב איך אייך ליב, איך בין מיר א פראסטער ברודער, וכל מיני קטטה, פראוו מיר אפילו מיליכדיגע וארניטשקים, אבי אין צימבעל אריין, (א קנאק אין גארגיל) איך האב

מיט



מיט דעם הונט א דין תורה, קוקט איר אים אן? א כפרה המן מיט זיין מיזינקיל פאר זיין מינדסטען נאגיל! מן הסתם אז דער שארעציענדיל (שערי ציון'דיל) שרייבט אז א שוסטער איז א לעמישקע, מעג מען אים גלויבען, שטעלט אויף רביניא מויל אין אויהערין, וועט איר הערין א מעשה שהיה כך היה, איך האב א בחור א זכר, א פאלנע שניידער, מיט אלע ונאמרליך, רביניא לייגט צו קאפ, ני טוט טעבע ר' אליקים! אונ דער הונט האט א מויד א באקרייזשע כבמחזה, כך הוה, פאונאווסיא פאניע פאחאליאווע (צום שוסטער) היינט טענה דוא, שטי מאלדא ווינעשטא? שטייא! (אפאף אונ אדרייא מיטין וויא הייסט מען דאס),

דער שוסטער (אדער שלאגענר מיט א פאר גראבע פאות, ער רעט אז דער אטום לאזט זיך איהם אויס) פארשטייט איר רביניא, אשניידר מיט א שוסטער איז אזו וויא ותתפרקון ותשתזבון מיט מיין ערשטען ווייב, (לאזט זיך אויס דער אטום) האב איך חתונה גיהאט, נאך אין דיא גזרות האט זיא מיר גיהאט א מיידיל צו דיא אבטאג (אטהעם) האט זיא דער רוח צו גינומען, ברוך דיין אמת נאר א מינוט פארין טויט האט זיא גיזאגט לעמיל (אטהעם) זאל נעמין דאס קינד צו זיך אונ זיין ווייב זאל דאס קינד אויס זייגין וואורין זיא עליו השלום מיט לעמילס ווייב האבין זיך מחילה (אטהעם) דיא הענט תקיעת כף גיגעבין נאך אין מקוה, אז פון דער טבילה זאלין זייא זיך משדך זיין אזו וויא אין פסוק שטייט ויגמל אברהם את שרה בנו וימליכה תחת ושתי (אטהעם) היינט רבי לעב פאצקיט איר ווער איז דא גיברעכט?

דער רב האט אויס גיהערט די איבריגע טענות ער האט זייא פאר גרייכט, זייא געהען אוועק אין עם קומט אריין דער באד יונג, א ליטוואק מיט קוטשעראווע האר מיט אום גערעהטע שטיוועל).

דער

דער ליטוואק גוט מארגען רבי! איך וויל זיך אייך א שאליכבע פרעגען, אבער נאר א קל יצקים! אז איך האב למשל אבגיגעט דאס ווייב, אין היינט פארשטעה זיהר איז זיא גאר מסוכן שלאף, אינ זיא האט זיך נאר פארחאלישט נאך מער, מעג איך זיא איבערנייעם נעמען? וויא זאגט איהר?

דער רבי, נא זין איה זעגט אויך מוסכם רעצוא?

דער ליטוואק, א חכם א רב דאס איז? וואס זשע פרעג איך?

דער רבי, (אטרעסיל מיט דיא צווייא פאות) א קשיא אויף א מעשה, אפילו פעגט איה דאהיבע, מחמת פקוח נפש אבע איה אליין ווילט טאקי ניט —

דער ליטוואק, מחמיש פקוח נפש האב איך זיא שוין טאקי גענעמען, נאר איצט בין איך פארכטעהט איר מיך, געקומען זיך מיט אייך שואל בעצה זיין.

דער רב אז איה האט זיא שוין גענומען, וואס זשע פעגט מיך?

דער ליטוואק פערסטעהט איהר רבי לעב איך בין א וויסטער כהן —

דער רב (מיט כעס) האט איה זיך טאקי ניט געטאט זיא געהמען!?

דער ליטוואק, איך האב אבער זיך פריער אב געזאגט פון כהנשאפט.

(דער רב האט זיך צו בייזערט, דער ליטוואק געהט אוועק, אין דער קאטסקי פונם סטאן ברענגט צווייא יודען).

דער קאטסקי, גא יא טאבי פריוויז דוי זשידי שאב טי איך ראזטאלקאוו.

דער רב, וואס רבט ער?

דיא רביצין, (רעט בראדערש) עהר זאגט, דוא זאלסט בא איהם קויפען צווייא יודין דער רב (פערוואונדערט) וויא הייסט? מען פער קויפט גאר יודען הממא יציבנו? הא?

א יוד



א יוד, רעדט שיפעלאוויע, ניין רבי, דער סטאנאוואי האט אינז אבגעמיקט צו אייך א דין תורה האבען.

דער רב (דער קראקעי) וויא הייסט? וואס האט ער צו מיר?

דער אנדערער יוד, ער האט חלילה צו אייך גאר ניט, איר זאלט אונז נאר אויס גלייכן דער רב, אזו..? מהיכי תיתי, פא וואס ניט? זאגט זשע דעם ער עע זאל אוועק געהן, דיא יודען האבען דעם סאטסקע געגעבן א פיטאק ער זאל גיין אין קעך אריין, אונ האבען אן גיהויבען טענין.

דער ערשטער יוד, רבי היינטיגן ערר שבועות באנאכט בין איך צו גינאנגען צו זיין סטענדער זוכען א תיקון ליל שבועות, דער ווייל האט ביי אים ניט געסטייעט דער ספארעק, האט ער זיך צו געצעפט צו מיר, אדער, אונ האט מיך געהארגעט געשלאגען, אונ האט מיר אפשר א האלבע בארד צו ריסין, איך וויים ניט פאר וואס אונ פאר וועו? רבי מעג מען אזו שלאגען א יודען?

דער צווייטער יוד, רבי, ער איז מחילה א גנב פון תמיד אן, אינ נאר מיט אזעלכע הפציליך נארט ער זיך ארין צו גנבנין, ערשט היינטיגן חנוכה איז ער צו מיר געקראכן אויפן בוידעם קאמערשט נאך איין אלט לעמפיל אונ הט טאקי אין איין וועג צו גענגבט בא מיר דאס פסחדיגע שמאלץ, דער כפאדיק איז ביי איהם, רבי! נישט קשה מען קען איהם אין שטעטיל..

דער ערשטער (מיט גנבישע אויגען) רבי ער איז אליין א גנב, ער דאט ביי מיר אליין געקויפט א גניבה, אז פאר ווי'אר זאל אזוי א רוח אין זיין.. ער'ד ארין געפליגען געווארען!—

דער צווייטער, א רוח אין דיין... ארין!

דער ערשטער, (א פאטש), דער צווייטער (צווייא פעטש).

דער

דער רב איז פאר שרעק אנטלאפען, דער סאטסקי האט זייא אוועק גיפירט אין סטאן אריין, אונ צום רב זענען גיקומען צוויא ווייבער, איינע א סעדעכע אונ איינע א מלמדקע—דיא סעדעכע, א פינקטערער, א ווישטער, א בייזער, א שווארצער סוף זאל קומען אויף דיר, רבי יונה שלמה! (רבש"ע) מען זאל נאר לויפין אויף דיין בייז ווינדער! נא דיר נאך אז עס איז דיר קארג? וואס עס האט זיך מיר גיחלומט היינטיגע נאכט אין יענע נאכט, אדער א גאנץ יאהר, זאל אויס גיהן צו דיין קאפ, צוא דיינע הענד אונ פים, צוא דיין לייב אונ לעבען, צוא דיר זאל עס צו קלעבין!

דיא מלמדקע, צו דיר, צוא דיר, א מכה דיר, א באליאטשקע דיר, א טריניאטשאך דיר, אלדע בייזע חלומות אויף דיין קאפ. טפא! פריטש מיר!—

דער רב, שייעט ניט, געוואלדעוועט ניט! וואס ווילט איה? זאגט שטילעהייט, —דיא סעדעכע הערט אויס רביניא, דיא שפלה, דיא כלבטע, האט בייא מיר בארינגען א מעטיל קארטאפלעס, דינגען זאל מען איר שוין דעם מלאך המות, אונ האט גישיקט צוא מיר א יונגעל פון חדר ער זאל עס נעמען צו איר א היים, איז דאס יונגעל גיפאלען איבערין וועג, פאלין זאל פון איר שטיקלאך אונ פיצלאך אונ האט אויס געשיט דיא קארטאפליעס אין דער בלאטע, בעשיטען זאל מען איר שוין צום טוידט, קומט זיא צו לויפין אונ חאפט בייא מיר אויס א מילטער מיט ארבים, איך זאל איר אום קערין דאס געלד פאר דיא קארטאפליעס, קערען זאל מען זיא שוין, לעבעדיגער נאט אויף דער מטה, — נא רבי פאסקיט, אדרבה, מעג זיא ניט א מיתה מהומה איין נעמען פאר מיר אונ פאר מיין מאן אונ פאר מיינע קינדער אונ פאר כל ישראל אונ פאר אלי יודען? הא?





דיא מ[illegible]דקע, א רוח אין איר טרפה פארצע אריין איך האב איר געשיקט א [illegible]יין יונגיל פונעם חדר, איז זיא ניט קראנק גוועהן צוא זעהן, אר[illegible] זאלען איהר דיא אויגין אויף דער פאטילניצע, אז ער וועט ניט קענען טראגין, ארויס טראגין זאל מען איהר שוין.— [illegible]ער רב, נאך וואס האט איה גישיקט א קליין יונגעל?— דיא מלמדקע, אזוי פסקיט איר? נאך וואס האט איר גישיקט אייערין א תלמיד צו מיר נאך א באקדייזשע? הא? איר מעגט? הא?

דיא רעביצין, א פינסטערער א ווישטער חלום, אוף דיין קאפ, ארויס דיא שפלה פון מיין שטוב! דיא דרייא האבין זיך צו שלאגין, די רביצין הט צו ריסין דער מלמדקעס שלייער, דיא מלמדקע האט א ראפ גיחאפט ביים רב זיין שלאפענמיטצעל, אונ איינער פונעם רב'ס תלמידים איז צו געגאנגען צו אים ער זאל אים מאכין א פען.

דער רב (האט געחאפט דעם ציבעך, אונ האט פאר כעס גוט אויס גיהרגעט דעם תלמיד, אין מיטען עפינט זיך דיא טהיר אונ עס קומט אריין א דינסט יודענע), דיא דינסט יודענע, רבי בייא חנה שרה'ן איז געשטאנען א קליין טעפיל אויפין פריפעטשיק איז אונטער גלאפין א ביסל מילך, צו איז כשר צו טריפה? הא?

דער רב—בענגט מיה דאס טעפיל, וועל איך זעהן וויפיל איז אונטעגלאפען.

דיא דינסט, א שענער רב! חנה שרה'ס טעפעל דעם טשערבאטע קענט איר ניט?

דיא רביצין, (בעלייט זיא ארויס מיט עטליכע קללות אין דרויסען ארויס, דער ווילע איז דיא קוה אריין אין שטוב אריין, אונ איז אויס געקימען סאמע מיט דיא הערנער צום אויבענאן).

דער רב (אין איין ציטערניש) האסטו! חאנציא! גיה האטעווע

מיך ! דיא קוה וויל מיך רוהעס זיין !...

דיא קוה געהט צו נענטער און לעקט אים דעם קאפטען) העהסטו חאנציא ! איך בין פאהביא ! האטעוועס מיך ! (דיא קוה שלעפט אראפ דעם טישטאך און צוברעכט אנץ וואס אויפן טיש איז געשטאנען) (צוא דער קוה) אהוים שטיא אהוים טיפשאכה איינע ! .היידא ! (דיא קוה טוהט א מריקע) אהוים חצופה ! וואהען חאנצע וועט דיזה דיא ביינע צובהעכען ! (דיא קוה טוהט א מאך צוא איהם מיט די הערנער, ער האט דאס דער זעהן איז ער גאר מבולבל געווארען, און איז פאר שרעק ארונטער אונטערן בעט, אין [illegible]ען דערינען קומט צוא געהן דער סאטסקי אום ריפען אין כטאן) דער [illegible]סקי ! הייא ! חטאס טוט יע !?

דער רב (פונם אונטערין בעט ארוים) מאהיך ימים זאלסטו זיין ! חאנציא, זיא האט מיך שיעה רוהעס געוועהן ! דער סאטסקי (דער זעהט דעם רב אונטערין בעט און חאפט מיט א שטעקין איהם ארוים טרייבען, נאר דיא רביצין איז אין מיטען אן גיקומען, האט זיך דער סאטסקי פער קוקט אויף דער רביצין. און דער רב איז דער וייל פאר גרויס שרעק אנטלאפין און איז אין איין וועג אריין גיפאלין אין איין אפ...; ערשט אין א פאר שעה ארום האט מען דעם רב גיפינען אין אפ...; און גאנץ קהל האט איהם געטראגין אין מקוה אריין, מחילה ארום וואשען. — פון דענמאלט אן גיבען זיך נאך דיא טערעראיוקער חסידים אויף גאנץ פוילין, און דער רב איז פאר בזיון אנטלאפין געווארין פין טערעראווקע און דאס ווערטיל איז עד היום אין טערעראווקע געבליבין, א רב אין אפ... האט איין אפטרעט געמאכט...

---



## משלי–מוסר קאפיטיל 1.

1) באם גוטען פריינד קען איך געוואר ווערען מיינע מעלות און באם שונא מיינע חסרונות.

2) איין שונא קען מער קאליע מאכין, וויא טויזנד גוטע פריינט קענען פארריכטין.

3) לאז בא דיר ניט איבעריג זיין טויזנד גוטע פריינד, און לאז דיר ניט ווייניג זיין איין שונא.

4) פון מיינע שונאים וועל איך זאך אליין היטען און פון מיינע גוטע פריינד לאז מיך גאט היטען.

5) דער שמייכלער מיינט; מע זאל אים אפ גיבען זיבען מאל אזו פיל.

6) א משרת און א דינסט דינען געטרייא, ווען זייא זאגען נייא.

7) אנטלייא ניט דעם וואס צאלט אסך פריצענטין.

8) א שמייכלער איז וויא א קאץ, ער לעקט אזו לאנג ביז ער טוט אראפ.

9) היט זיך פון דעם וואס זידעלט דיך אומזיסט, נאר נאך מער פון דעם וואס לובט דיך אומזיסט.

10) אפילו א פייגעלע אז דיא לאזט אפ קענסטו עס נאך צו ריק חאפין אין א ווארט איז פערפאלען.

11) רעד ניט אלדינג וואס דוא טראכסט און טוה ניט אלדינג וואס דוא רעדסט.

12) זאג ניט אוס קיין סוד דיין פריינד כדי ער זאל ניט אוס זאגן זיין סוד.

13) זאגט דיר נאר איינער עפים אוס א סוד, דא וויל ער שין עפעס פון דיר וויסין:

14) זאגט דיר גאר איינער אז ער האט עפים א סוד, האט ער דיר שון האלב אוס גזאגט.

פליגין

15) פליגין שטעלין זיך נאר אויף אַ טשעריק, אונ רכילות־ניקות אויף יענעמס פעלער.

16) אַלע שלעכטע מדות האבין זיך צינויף גנומען ווייא זאלין מאכין אַקיניג איבער זיך, האבען זייא אוס גקליבען דיא רכילות.

17) אַיין פעלער טון גדויערט נאר איין רגע, אונ חרטה האט מען איידיג;

18) ווילסט נעמען אַ ווייב, נעם נידעריגעס פון זיך, ווילסט נעהמען אַגוטען פריינד נעם העכערס פון זיך.

19) האסטו אַ גיטרייא ווייב פר שפּארסטו דיא היטען, האסטו אַ אונגיטרייע, העלפט ניט קיין היטען:

20) אַז דאס ווייב איז קיין בעלהבית׳טע ניט העלפין ניט קיין טויזינד משרתים אונ דיענסטין.

21) אדם הראשון וואלט זיכער קיין ווייב ניט גנומען ער זאל ניט גוועזן אַנטשלאפין ווערין.

22) מיט זאלץ איז גשמאקער דאס עסין, אונ מיט צדות לעבען,

23) גאט האט דעם מענטשען בשאפין ניט אויף גלעכטער, דאריבער ווען מען לאכט אפילו, גייען אויך טרערין פון דיא אויגין.

24) דיא הצלחה איז וויא קוועק זילבער, זיא שטייט ניט איין אויף קיין ארט!...

## אין ניוויצע אויף דער פריזבע.

(אויף אַ פריזבע פון אַ קליין שטיבל מיט אַגרויסער שטרויענער סטריהע, וואס האט אַ פנים וויא אַ קליין שייגעציל מיט אַ גרויסען יאַלעס אויף אַ מארק טאג, זיצען פינף ווייבער, חינטשע, דינצע, מינטשע, שפרינצע, אונ דאבּרישקע, אַקעגין זייא אויף דער ערד זיצט אַ קאסאקע מויד מיט אַ צעבארשטענעס קאפּ אויף אַלע פיר, אונ דרייט באַוועל

אויף



אויף דער ווארטענע), חינטשע (אַיין אויסגעמארטערטע יודינע מיט אַ גינאלטין קאפּ, זיצט אונ אַרבעט אַ זאק אויסענווייניג, דיא ריין׳טע גייט דורך) איינס, צוויא, דרייא, פיר, פינף, טפא! איבער איהר האב איך אַ איינעל פערלארען, עפּיס אַ שלים מאזעלניצע! איך האב שון גהאלטין באם פערשלינ[illegible]ן דיא חאליוועדארף זיא דער רוח אַנטראגין?! —

דינט[illegible] (אַגרין ווייבל מיט איין אָבגעבליאקוועטער אַטלאסענער מושקע, האלט אַ ק[illegible]שע אויף אַ שטויסעל אין פערמארזשעט אַ פּיאטע) אט חלעבין לאזט [illegible]א צו רוה חינטשע! זיא איז שון גענוג גשטראפט מיטין תכשיט [illegible] איהרען, אַז אָך אונ וועה איז איר אַז זיא האט זיך ביא דיא אַלטע יארין דער לעבט אַזא מחשמו׳ניק! לאזט זיא צורוה חלעבין, אַ נא זעהט נאר, חינטשע, דארף מען נאך אַ מאהל דורך נעמען? דיא הענד ברעכין מיר שון חלעבין (זיא טהוט אַ שלעפּ דיא קאפּטשע פונם שטייסיל אַראפ, אונ דער שטייסיל פאלט איר אופין גראבין פינגער פונם פיס).

מינט[illegible]ע אַ קראנק ווייביל פון אַ יאהר עטליכע אין צוואנציג, מיט אַ שאמ[illegible] פאטשיילעכין אופין קאפּ, האלט צו אַ קינד מיט אַ פער[illegible]יעט העמדיל ביא דיא הענטליך אונ זאגט אַזו קוועטשינדיג מיט אַ פערביטער דארץ: אוי... אוי... אוי... סע אַ מצוה אויף איך! דאס האט איך גאט גישטראפט איר זאלט ניט האבין אַזא לאנגע צונג! וואס האט איר אַזוינס גיזעהן פונם יונגין מאן וואס איר רופט אים מחשמוניק? גלאט ער האט זיך ליב צו קריגין מיט חסידים אָבער ווייטער, זאל איך האבין אַזא מול וואס פאר אַ פיינער יונגער מאן ער איז, ער טויג אי צו גאט אי צו לייט! דיא מויד (האט אַדרעה גטאן אויף דער ווארעטענע, אונ איז אַזו געבליבין מיט דער האנד אין דער לופטין קוקענדיג אויף מינטשע׳ן מיטן קאסאקען אויג, אונ אָפען דאס מול וויא אַ טויבער קוקט

אויף

אויף איין חזן אין שול . . .)

דינטשע (פערקרימט דאס פיסקעל אלדע בייזע חלומות אוף דיין קאפ, וואס זאגט איר אוף דער אריסטאקראטקעצע? פאר ווינשט דוא דיר ניט אזא מזל וויא דיין שואליק איז?

מינטשע (מיט א פאר אכטונג) וואס איז? ווייל ער איז דיינער א ברודער? הא? הלואי וואלט איך אים ניט גוועען גקענט, וואלט איך אפשר פאר שפארט דיא צרות וואס איך טראג היינט איבער! (צום קינד מיט טרערען) שא! נא שא! אזא מזל זאל דיא מיהמע דיינע האבן וויא דער טאטע דיינער איז, אונ מיר לאז גאט בעשערען אשענער מזל (וויינט).

דיא מויד (זיצט אין דער מאס וואס פריער, אונ שאקעלט צוא מיטן קאפ).

שפרינצע (א באיארטע יודענע, מיט א ווייס טיכעל אונטער גבונדן דיא ציין, זיצט איבער א מאקרעטע מיט מאהן אונ רייבט מיט א מאקאהין) איך בין מיר איין אלטער ספאדיק, איך האב פון מיינעם גהערט, אז דער דיינטעם קדיש איז שון אימשטיינס געזאגט גאר אראפ פון יידישקייט, אונ איך פערשטעה עס אפילו ניט וויא קומט עס צו אזא טאטין וויא ער האט? אזא מאטע? אזא טאטע! זיינע הושענות, זיינע תקיעות, זיין מצה שמורה, עס צוגייט זיך פשוט אין איטליען אבער, צום סוף דארף אים, דער וואס איך בין ניט ווערטה צו דער מאגען (טוט א רייב אין דער מאקרעטע) שטראפין מיט אזא כל בוניק, אזא ווייראדיק? — הערט אויס דינטשע, דא האט זיך נאר אומשטיינס געזאגט דער שטן אריין גמישט, איר וועט מיר גאר ניט איין ריידין!

דיא דאברישקע (א גאנץ אלטע געקאטשעטע יודינע מיט א געלע יאמפערקע, גיט אין אפריל אן האלאבליעס אוף דער שפיין נאז אונ קלויבט ארבעס אוף אהילצערנעם טעלער, זיא רעט שון גאר שטיל אונ

שטמיפקעוואטע



שטיפקעפעקעוואטע) שאט קינדערליך! אזוי וויא דיא ערד שווייגט, אזוי זאל אלעס בייז פון אונז שווייגין! טאקע נאר א קליפה אימשטיינס גזאגט. איך גדיינק עס נאך וויא היינט, מיינע רייד זאל איר ניט צו שווער זיין, וויא פיל איר צו ליגין, אזוי פיל אונז צו לעבין, דיא פאנקפעוואטע טיקערין עליו השלום האט מיר אליין דער ציילט, אז פאר וואהר זאל זיא זיך דארטין מיהען פאר אונז, אז וועלי דיא דיינטע האט רעבאלט באגעגינט מחילה גייענדיג פון דער טבילה א גלח אונ פון דער טבילה מחילה איז זיא פארגאנגען אין טראגין מיט דעם קדיש. . . דא זעהט מען זיך בעשיינפערליך (א קלאפ איבערין פיסק) אז עס איז א קליפה, אימשטיינס געזאגט, נאר א קליפה, וויא מיר זענין יודישע טעכטער, א! קליפה א קליפה! דיא מויד (האט זיך אזוי פערקוקט אונ האט אזא שטארקן דרייה גטאן מיט דער וואראטענע, אז דיא ווארעטענע האט זיך אזש ארום גהאפט פון דער פאקרישקע, אונ האט אשנעל גגעבין דאברישקען אין דער נאז אונ דיא בריל איז אריין גפאלן צו שפרינצען אין דער מאקריטע מאהן אריין) מינטשע האט מיר קיין פעראיבעל ניט דאברישקע, איר רעדט שוין גאר וויא איין עבר בטלניצע! איר גלויבט דער פאפעוואטער טוקערין? לאז זיא זיך דארט מיהען פאר מיינע ארטע האלאוועס זיא איז זיך גיוועקן א שקרינטע, א פליאטקע מאכערין, זיא שעמט דען ניט אין דער גאנצער שטאט פאר א פיסקאטע? לאז זיא מיר מוחל זיין, ניט זיא מיין איך דיא וואנר מיין איך, מן הסתם האט איהר וועלי א קליינם טרינק בראנפין גיגעבין אויף אפרים'ס ברית, זיא איז זיך אומשטיינס געזאגט געוועזען א שכורטע, אז בשעת טהרה האט פון איהר דער בראנפין געשטינקען, וויא איין עפוש, גלייבט איר אויך וואס זיא האט געזאגט? הערט נאר אויס דאברישקע, ער מעג זיך זיין וואס ער איז, איז אלץ גלייבער וויא דיא אבגעריסענע

פליאסקעדריגעס

גויִעשע טרפה פסול'ן ! נישט קשה ! ער וועט זײן ערליך אויסקומענעש שפעטער האבין ! זײנע זכות אבות וועלין עס ניט דערלאזין , נײן ! פארקערט , ווילסט אפשר לעבען ווי ליזע די מחשמוניצע בא איהר מאן ? מיט משרתים אין דינסטען , אונ זאלסט קײן האנד אין קאלט וואסער ניט טוהן ? הא ? נא נא , מכי תיתי , ווער איז אויך אזא משומדת'טע ווי זיא , מיט אייגענע צעפ , מיט א לאנגען שלעפ , מיט אײן אויס געשניטענעם האלז ? מכי תיתי לאז דיר גאט געבין אזא זינען , וועסט שוין פאר שפארען צוא קבר ישראל קומען ! הער אויס מינטשע גאט איז א גאט ! אונ צדיקים זענען צדיקים ! אונ ווי אזוי זײא איז ניחא אזוי דארפען מיר אנעמען פאר ליב , אונ גענוג . . מע האט דײן שואליקין געהאפט אויף דער גרעניץ אונ ער זיצט אין אסטראג , מן הסתם איז זיך דעם צדיק'ס ווילין דער בײא , דארפסטו שוין גאר שווייגין ! . . .

(א קלויזנער בחור פון דער גאס לויפט צוא צו דינטשען פערסאפעט) .

לויפט גיכער , דינטשע ! צוא , הערשקע דעם זעתציאר , מע האט דארטען אויף א קאטאוועס ארײן גיווארפין א גאנץ פישקעלע טאבאק אין אייער מאנס גלאז מעד ארײן ! ער האט אויס געטרינקען אונ איז טאקי באלד אראפ געפאלען טויט פון דער באנק ! דינטשע : (אונ אײן פלאטערניש) אוי א שלאק האט מיך געטראפין ! א וויסטער דינער האט מיך דער שלאגען ! אײן אויס חאפענעש זאל קומען אויף אלע חסידים מיט די גיטע . . . (פארחאפט זיך) וואס וועל איך היינט טהון , מיט זיבען קלײנע קינדערלאך ? געוואלד ! איך בין פערפאלען ! (שפרינגצע א וואורף דעם מאקאהין , אונ צוא ברעכט די מאקראטע , חינטשיע פאר ליערט דעם זאק :

דינטשע ווארפט אומנערען דאס שטייסיל מינטשעס קינד אין פוסיל

ארײן



ארײן ! דאברישקע האט פערלוירין די בריל , אונ די מיר האט גיחאפט די ווארעטענע אין איז פאר איילעניש ארײן געפאלין אין א קילער ארײן אונ האט מחילה מפיל געוועהן א ציבעלע . . .

## פוילישע יורען אין א־נ־אדעסער טשײנע (טעההויז) .

גדליהו—עס איז פשוט א תענוג , בנאמנות ! פאר זעקס קר"פ זיצט איך מיר אפ צווייא שעה אויפען זייגער אין אזא שענער געמאהלטער שטוב , שאפ זיך מיט אלע קנעכט ווי מיט מײן טאטנס משרת אונ זײא גיבען מיר אפ דעם גרעסטין כבוד ; אונ דערציא הער איך מיך נאך אן שפילען אפשר פאר פערציג הערבליך ! איך זאג אייך דעם אמת ברידער , א לעבען איז נאר אין אדעס ! . . .

יחיאל , סאיז א חדוש ! וואס דען ? אזוי ווי אין אונזערע פוילישע שטעטליך , אז איינער בעקומט עטליכע גילין . צוא הייסט א רי"ש שי"ן קערבלאך , אונ קאן נאך דערציא ריידען מיט'ן קווארטאלניע (קאמיסאר) אדא מיינט ער , ער איז שוין דער מר בר רב אשי אליין . אין איטליכער האט שוין בא איהם א ווערטה ווי א שמעק טאבאקע ! ער הייסט שוין מחילה דער דייטש ווארין ער האט דאך שוין צוא גענייט א דאשעק צום קיילעכדיגען , אונ די קאפאטע איז מיט א גיצאקטען סטאן אין עס שטעהט איהם שוין ניט א צוא רעדע , זיט דיר ! דא ברידער איז זיך עפעס טאקי גאר א—נ—אנדער וועלט ! אט זיטצען מיר אין איינעם טאקי מיט אמת'ע דייטשין אין אײן שטיב , אונ טאקי בײא אײן טיש , זײא פרעגין אונז מיר פרעגין זײא , יא , א לעבין איז טאקי נאר אין אדעסס ! . . .

מיכאל , א שאלה ! דא זעה איך , אז איך האב עפיס אויך א ווערט !

דא

דא קוקט מען ניט אויף רייכער און ארימער, אויף קערצערע און לייגגערע פאלעס, אויף א קאפעליש צוא א ספאדיק, אויף שטיוועל, צוא פאנטאפיל, דא טוהט יעדערער וויא ער פאר שטייט, יעדער פירט זיך נאך זיין שכל, נאך זיין מעמד, און איינער פונם אנדערין מאכט גאר ניט חוזק!

אט זעה איך זיך טאקע אין גרעצק, חלעבען דארטען ווארפען זיך איבער דיא גרעסטע לייט, גבירים, און צווישען דיא אלע דרייען זיך ארום ליטווישע קאמסיאנערין מיט זייער גאנג, פוילישע יודלאך מיט זייער גאנג, גאליציאנער מיט זייער גאנג, פרוטא זעה איך וויא אלע ריידין צו ווישען זיך פיהרען זיך ארום בא דיא הענט, און מע שעמט זיך גאר איינס מיטען אנדערען ניט! אוודאי איז א לעבין גאר אין אדעס..

לעמעל, וואס טויג דיר, נאר? איך וועל דיר עפעס בעסערס דער ציילין, נעכטען בין איך גגאנגען אויפין בולוואר, מיט מיינע שיינע בגדים, שווער איך דיר באמונה שלי אז עס האט זיך אפילו קיינער ניט אומגעקוקט אוף מיר! פאר געס ניט ווער דארט שפאצירט! דיא גרעסטע שררות און שררות טעס, וואס דער מינצטער משרת זייערער פאר מאגט מעהר פון אונזר קהל'שען שרייבער, און איז קליינער אין פיאטע פון אונזער בנימינקע דעם יאבערניק, פריטא וועמען גייט עס אן, וואס איך, צו נאך אזוינע צוואנציג יורען גייען זיך אוך דארט?.. אוודאי האט מיר אליין טאקע געפלאמט דאס פנים פאר זיך, חלעבע וויא דער אמת איז, אז מיא וויל זיך גוט צו קוקן, האבין מיר זיך טאקע א פנים וויא א שווארץ יאר מיט אונזער הילוך, מיט אונזערע תנועות, יא וואס איז אמת איז אמת! אבער פון אימיציען דא חלילה א—נ—אום כבוד האבען? בוודאי ניט! פארקערט, סאמע לעבין מיר איז עפעס דורך גיגאנגען א גרויסער שררה און האט מיר אימגערין אומגעווארפין מיין

שטעקין



שטעקין, זאלסטו גווען זעהען, וויא ער האט זיך פאר ענטפערט פאר מיר, וויא א משרת פאר ענטפערט זיך פארין בע"ב? דיא ווערטער האב איך אפילו ניט אזוי פארשטאנען עפעס האט ער גזאגט „אך פארדאן"! נאר אין דער מינגע האב איך דער קענט. — נא מיכאל ועסטו זעהען אזוינס אין אונזערע פולישע שטעדט? הא? וויא לאנג שמייסט מען זייא, וויא זייא האבען גאר דעם דרך ארץ, דאס סטאטעשניקייט אין זיך! אוודאי א לעבין איז טאקי נאר אין אדעסס!....

יתיאל: הערסטו אט דאס מיין איך זיך! חלעבין זאגט איך וואס איר ווילט, נאר איך זאג אייך אז זינט איך זיץ דא היא, איז עפעס אוף מיר גאר א נייע הוט גיווארין, עפעס פיל איך מיך דא פאר א שטיקיל מענטש! אט בין איך איינעכטין גגאנגען צו אפרת'ין אין קאנטאר אריין, (דער מאגאזינער האט מיך געשיקט נאך א קוויטל אוף זעק), יא פראוודא, אין פערעדניע האב איך מיר אראפ גלאזט דיא פלורערין איבער דיא שיך אין האב זיך צו נויף געשפילעט דאס הארץ, און דיא פאות אביסיל ארוף גפלעטשט, נאר איר קענט זיך פאר שטיין וואסער א פנים איך האב גהאט נאך דעם אלעמען, אנטקעגין דיא קאנטארסקע מענטשין! היינט האב איך דארטין גראד געטראפין טאקי אפרתין אליין אויך. נא זאלסט איהם געוועען זעהן, מיט וואסער א כבוד מע האט מיט מיר גרעדט און מע האט מיר גיגיבען דאס קוויטל, טאקע פינקט וויא בא אונזער ר' שמשון דעם גביר, נא יא נא!..

גדליהו, נאר איינער וואס דער ציילסטו מיר אפרתי? מילא אפרתי האט זיך איבער מיר ניט צו שאפין, דוא קוק זיך צוא וויא אזוי דא באגייען זיך דיא נאטשאלסטווא מיט יודען, דארף מען זיך טאקי נאר נאבען אוף דיא נעגיל! בא אונז זאל מיך אזוי באגעגענען א סטאנאוואי,

צוא אפילו דער טיסיאטשקי, וויא דא באגעגנט מיך דער פאליצמייסטער דער גראדאנאטשאלניק אפילו דער גובערנאטער אליין וויא איך גייא מיר אין מיין קאפטין מיטין מיציל וואלט איך זיך ניט זיכער גוועזן מיטין לעבן אין דא אבראשטשייען זיך דיא נאטשאלסטווא מיט מיר גלייך וויא מיטין געבורענעם דייטש . . נא וואס זאגט איר דארויף? —

מיכאל וואס איך זאג דארויף, אוודאי מעגין מיר זיך באגראבין מיט אונזער הילוך אונ מיט אינזער פוילע תנועות! חלעבין לאמיר זיך ניט נארען. אמת מיר האבין דא קיין אום כבוד ניט דער פאר, מע לאכט אונז ניט אויס, מע מאכט קיין חוזק ניט אויס אונז, אבער אין אמת אריין, פארדינען מיר עס דען מע זאל זיך דא מיט אונז אזוי פיין באגיין, גלאט, דא זאגען ניט'ערענטע מענטשין ארינטליכע לייט, פארטון אין געשעפט, אונ זייער האראקטער פאר טראגט גאר ניט, מיט אונז האבין צו טאן, אבער מיר פון אונזער צד, זאגען מיר דען ווערטה דאס דאזיגע, האבין מיר דען ניט א פנים פון אכציג שווארץ יאהר, פון משוגעים ביי זיך אליין אין דיא אויגין? וואס איז דיא דייטשען ווען חלילה קיין יודען ניט, אז זייא גייען אנגעטוהן וויא מע דארף? צוא באשטייט דען אונזער גאנץ יודישקייט נאר אין דיא שיינע בגדים וואס מיר טראגין? הערט גאר אויס קינדער! צווישען זיך ריידענדיג. קארג עבירות האבין מיר איבער נטאן טאקי אין דיא בגדים מיט דיא לאנגע פאות?.. גאר ניט, אז מען קען זיך אליין ניט איבער שפארין דעם יצר הרע העלפט ניט אפילו טוזינד פאר קאנטאפעל, מיט זיבען אונ זיבעציג נארטלען! וואושע? דער רוח וואלט אונז צו געהאפט מיר זאלין זיך חלילה אנטוהן וויא שטיקלעך מענטשין. הא? איר זעהט דען ניט, אז דא ארבעט זיך א גאנצע . . וויא רופין זייא עס—פאליטיקע—וואס נאטשאלסטווא אונ דיא גרעסטע מענער קוקען אויף אונז אזו בודטא זייא זעהען גאר ניט הא?

לעמעל



לעמעל (וויא דער שראקין אבסיל) וויא הייסט, וואס קען זיך דא ארבעטין? ארבה זאג אז דיא ווייסט עפים! מכי תיתי לאם מיר אויך וויסען, הא!

גדליהו, איך פארשטייא וואס ער מיינט! זאל איך זייא געבין צו פערשטיין?

מיכאל-וויא דוא מיינסט? הא?

מיכאל, אך פאר וואס דען ניט? וואס איז? דא איז עפים א מופת צו וואס? פשוט א זאך וואס מע פאר שטייט עם מיטון שכל הישר!

גדליהו, פאר שטייט איהר א מאל האט מען אין פולען אנגעטיהן געבראנטע לידין, מע זאל זיך טראגין דייטש געקליידעט, מע האט נייבער געוואלאטשעט ביי דיא האר איבערין מארק, מאנזבלען גהאקט דיא באָרד אין פאות, אנגעזעצט, געשטראפירט, געשראגען, איהר געדיינקט זיך דיא גזרה! וואס האט דער קייסער געמיינט? חלעבין ניט אונזער רעה, ער האט פשוט געמיינט, מיר זאלען א פנים האבען וויא לייט, ניט וויא שלעפערם טארבעטראסניקעס! נאר וואס דען? אונזערע יודעליך וואס מער מע האט זייא גינייט, געמיטשעט, מער האבין זייא זיך פאר עקשנ'ט אונ האבן באמת געמיינט אז דער קייסער וויל זייא נאר פין יודעשקייט אראפ פיהרען דער מיט האט זיך מישב גוועזן אונזער הייניגטיקער קייזער אזו, מע זאל אונז גאר ניט טשעפין אונ לאזין לויפין, ווארום וואס מעהר מוטשען, מער וואלטין מיר זיך איינגעשפארט! בעסער טראכט דיא רעגירונג, זייא זאלען זיך אליין ארום קוקין וואסער א פנים זייא האבין, אוודאי אוודאי, דורך דעם מיטעל האבין זיך שון אפשר העבער דריי פערטיל יודען אן גיטון דייטש, נאר מיר זאגען טאקע געבליבן פאר דריפעטע יודעלאך! פאר שטייט איר מיט וואסער א—נ—אויג

מעקוקט

מעקיקט אויף אונז ? הא ?

יחיאל, אמת ! וואס גערעכט איז גערעכט, מע קען זאנדערש ניט זאגין ! איך האב עס שוין לאנג אנגעהייבען פאר שטיין, אין טאקע דעריבער (אט זאג איך איצט אום דעם אמת) אז איך האב מיר פאר אכטצאגין געגיבען נייע מיין קאפאטע, האב איך אן געזאגט דעם שניידער, ער זאל זיא א ביסעל קערצער מאכין און מיט צווייא שורות קנעפ, מיט א געצאקטען סטאן, עס זאל חאטש פאחאזשע זיין אויף לייט ! חלעבין עס פלאכט פארט מיין פנים פאר זיך אליין קיקענדיג, (מיט א שטיקעל פאר שעמטער מינע) און טאקע א קשקעט האב איך מיר שון אויך געקויפט ! אויף שבת וועל איך איהם אנטון ! . .

רעמעל. אז סיא איז יא אזוי לאס איך זשע שון אויך פאר אייך מתודה זיין, איך האב מיר גענומין אויפין טאלטשאק גקויפט אצוגעגאנגענעם סערדעט, מיט א—נ—אויס געשטעפט העמד פון פארענט, איינגאנצען פאר צווייא קערבליך ! עס איז פשוט א תענוג אין אזא שטאט ! בנאמנות !

גדליהו, און מיר האט דער מאגאזינער געשיינקט א—נ—אלטען ראק מיט א פאר שטיוועליעטען ! . . .

מיכאל, אזוי ? אין מיין נשמה איז פון קלאטשע ? וואס הייסט זאל איך טאקע בלייבען אין מיינע זיסע בגדים, הא ?

יחיאל, ווער הייסט דיר בלייבען ? גייא אופין טאלטשאק, וועסטו קריגען אפילו אין מיטען דער נאכט, אביא א קערביל !

מיכאל (פערשטעהט איהר) איך וועל אייך זאגין דעם אמת, מיר האט גענומין דער קאסיר געשיינקט א—נ—אלטען קאפעליאש (מיט

פערטיידיגונג



פערטיידיגונג) א נידעריגען ציהייסט ער איז ניט ווייט געריקט פון דיא פוילישע קאפעליאשען, מיט א פלאשטש, מע קען פון איהם איבער נייען א ראק מיט א פאר פלידערין, נאר איך וועל אייך זאגין דעם רעכטין אמת, אז איך דער מאן מיך דאס אנטיקן ווערט מיר אזש פינצטער אין דיא אויגין ! ניט מחמת ירא שמים, חלעבין, איך הער זיך שוין אין פארשטייא זיך שון טאקע אליין. אז דאס איז ניט קיין חטא, אדרבה אזו גייען מיר וויא משוגעים, דאס איז נאך מעהר חטא, א מענטש טאר פון זיך אליין ניט חוזק מאכען ! נאר וואס רעדן ? עפיס גלאט איך בערעבען זיך. חלעבען. איך בין א—נ—עני ואביון, גייא פליצים טוא זיך אן א ראק מיט א קאפעליש, איך ווייס זיך וויא אזו בייא אונז אין פולין לאכט מען פון א—נ—ארימען דייטש ? . . .

יחיאל, א דאס איז דיא מעשה, וואס בייא אונז אין פוילען, זעה זשע אבער דא ! טאקע אין גרעצק צוא אין בולוואר צו וויא, גייען מענטשין מיט אבגעריבענע סערדעטין, מיט צובויגענע קאפעליאשען. מיט געלאטעטע שטיוועלעטין. און שעמען זיך גאר ניט, ווארום וואס האט מען זיך צו שעמען ? א פנים דיא רעגירונג און דיא צייט פאדערין דען אז מען מוז נאר טראגין נייע רעק מיט נייע קאפילישען ? ניין ! זייא פאדערין נאר מע זאל זיך טראגין וויא מענטשען, ניט וויא שלעפערס, וויא ווילדע אבעזיאנעם, וואס קער זיך דאס אן מיט ארום צוא מיט רייך ? וואס איך פאר מאג דאס טראג איך אביא וויא א מענטש ! . .

איך וויל דיר נאך זאגין א סוד, זאלסט ניט מיינען, אז דיא היגע נייען קאפעליאשען מיט דיא גרויסע סקריפעוואטע שטיוועלעטען זענין ניעפרעמענע נגידים. און דיא אבגעריבענע אין געלאטעטע זענין קבצנים ! דא איז מרוב פינקט קאפויר ! . . (אלע זענין אויפגעשטאנען אויס דעם, אז אויף שבת זאלען זייא זיך אלע פיר אנטיקן וויא מענטשען

און

און גיין שפאצירן אין בולוואר...)

## נישט קשה פון א סטאנציע.

א געבוירענער בין איך אין וואליניער גובערניע, א נכתב, אין פאדאליער, וואנען וואהן איך אין קיעווער גובערניע! נאר ניט תמיד ז״ך איך איין אויף איין ארט, איך בין אמאל דא, א מאהל דארט, מן הסתם איז מיר שוין אזוי באשערט, אפשר בין איך א גלגול פון א העברעשען לערער! נאר איך מיין זיך גאר עפיס אנדערש.

אט וויא איהר זעהט מיך, בין איך שון אוס געווען א וועלט, איך האב איבער געזעהן פערשיידענע מענשין, איך האבען קענען געלערנט פערשיידענע כאראקטערין, איך האב שוין געזעהען לאנגע פאות מיט לאנגע עבירות, קערצע רעק מיט קערצין שכל, הייסע חסידים מיט קאלטען יראת שמים, און קאלטע אריסטאקראטין מיט היים אזיאטיש בלוט, איך האב שוין געזעהען ווייבער מיט א סך שטארקערע דעות פון אפיקורסים, און אפיקורסים מיט מעהר פאנאטיזמוס פון פוילישע גבאיטות:.. א כלל וויא מע האט מיך געגארט האב איך זיך געלאזט נארין, ניט בייא איין גיטען יודען האב איך דיא שירים געלעקט פון טעלער, ניט בייא איין אריסטאקראט האב איך געטרינקען וואסער מיט איין געמאכטס, ניט איין קריטיקע האב איך זיך פון געבילדעטע אנגיהערט, און דיא אלע זאכין האבען מיר קארג וואס צו געבראכט, פון דיא שירים בין איך ניט זאט געווארען, דער איינגעמאכטס איז מיר ארויס געפאלען באקעס איבער א עין הרע.. און פון דיא קריטיקעס האט מיך אזש אנגעהויבין שפארין אונטערין הארץ. אז איינס דאס אנדערע קריטירט, היינט גייט ווייסט וויא דער אמת איז? הכלל צוא

וואס



וואס פאר א מענטש איך האב זיך געלאזט, האב איך אלץ דעם אמת ניט געקענט אהנטאפין, דער חסיד שרייט "דער רבי" סיז א ליגין ער מיינט גאר ניט דאס!...

דער קלאמערשט אויף געקלערטער זאגט "גאר בילדונג" חלעבין ער מיינט אויך א קערביל! דער אריסטאקראט שרייט גוואלד "גאר ארדענטליך", דאס מיינטער אויך אלץ נאר פאר יענעם, אליין קומט ער אפ מיטין שרייען! נא וואס טוהט מען היינט? אוודאי בין איך שיעור שיעור נאך א מאהל א חסיד געווארען! ווייניגסטינס פאר שפאר איך חאטש מוטשען דעם קאפ פאר שפאר איך טאקען קאמפלימענטין דער מאמזעל, פערשפאר איך קלערין דיא ווערטער וואס בלאנקען זיך ארום נעבין וויא יתומים, אזוי לאנג, ביז זייא פאלען ארין אין א אפען פיסטע מויל וויא א דבוק, וואס צירעט זיך פאר וואסער און פאר פייער, א שטייגער סימפאטיע, עמאנציפאציע, מאציאן, אלאן, (אונטער דער נאז) עקסטרעהם און נאך אזעלכע מיני ווערטער, וואס ווער עס וויל. אביא נאר א קירצער ראק, בעדינט זיך מיט זייא ווען ער רעט מיטין קאבאטשניקס מיד ווענין ליעבע, אין מיטין בעל מציצה אויף א ברית ווענען אפערמציאן.., בין איך ווידער א חסיד, פער שפאר איך זיך נאך קרימען דער מארע, דאס איז דאך יא אראפ גיפאטרט א קלאין פינם קאפ! געה האב גאר צו טוהן מיטין קאלנעריל, היט גאר אפ דיא אויף געזעצטע מאנזשעטין, זעה דיא שטיוועלעטין זאלען ניט חלילה פאר נעצט ווערין, ווארען זייא ווערין אן דעם סקריפ, ניתאיי וואלט מיר חאטשע עפיס ארויס קומען דער פון, איך זאל חאטשע דער מיט האבין א לאסקע באם אריסטאקראט, איך זאל האטש דער מיט געפעלען דעם רוסם, איך זאל האטש דער מיט אן

לערנן

לערנען דעם חסיד, אז ניט דאס ניט יענץ, נאר גלאט זיין איין אומזיסטיגער משרת דעם שטיוועל, איין איבריגע פאראגע דער מאנישקע, און נאך זייטיגע צרות טראגין דער צוא.

דער חסיד האט מיר נאך ערגער פיינט, דער אריסטאקראט פירט מיט מיר אלץ דיא הינטעשע פאליטיקע, און דער פאליאק ער ווייטערט זיך נאך מעהר פון מיר! און צום אמת לאם מיר זיך ניט נארען, וואס געפינט דער חסיד און אונזר פוילער אריסטאקראט? דאס אייגענע וואס מיר געפינען אין זיין פויל חסידות, אדרבא, אופן אמת'ן חסיד (וויא נעמט מען איהם) איז זיך כדאי צוא קוקען, פארט ער האלט ער זיין רעליגיאזנע ציעל, און דא איז ניט פרום, ניט ארענטליך!... אוודאי אוודאי בין איך שיעור צוריק א חסיד געוואזען.

(דיא אריסטאקראטי וואלט זיך גאר געווען צו קראצט) נאר אין מוטען דערינען האט מיך גאר דער גוטער יאהר פערפורט אין א קליין שטעדטיל, ניקאפאל, אז פון אלע מיינע קוואַרטירין אין מיין נעוונדקייט, איז דאס נישט קשה פון א סטאנציע! מע קען ניט זאגין אז דא איז איין פאלקאממענהייט, נאר גאנץ נישט קשה אקעגען אלע פוילישע שטעט, דאס שטעדטיל פירט איר האנדעל מיט אדעסא, אוודאי איז א גוטער לערער, נאר דאס שטאדטעל איז א גוטער תלמיד, קיין גרויס בילדונג ליגט, נאר דער האנדעל געהט דא זעהער מיט א גרויסער ארינטליכער גראדער סיסטעמע! דא גלייכט זיך אויס דיא תורה מיט דרך ארץ, האנדעל מיט יושר, דא שטאלצירט ניט איינער קעגין אנדערין, מע זוכט ניט איינס עאויפס אנדערע קיין חסרונות, דא איז נימא קיין בעזונדערע סעקטין, אלע זאנין אריסטאקראטין, און אלע פראסטי אלע ליעבען דיא צוויליזאציע און אלע זאגען גאטס חסידים!

דער



דער רב לערינט זיין זוהן פראנצעזיש, דער גילערטער זאגט א מאהל א קאפיטיל תהילים, דער שוחט גיט אפ זיין מיידיל אין פענסיאן, און דער אריסטאקראט געהט אפט אין שול אריין דאווענען, דער חזן פארשטעהט גאנץ גוט לשון קודש, דער פראסטער נגיד גיט זיך אפ מיטין ארימאן, פראסטע מלמדים פאר שטעהען אויך א ביסיל רוסיש און דייטש! דא געפינט מען קארג ליידיג גייערס, יעדער הארעוועט אויף זיך און אופן כלל, דא פערזארגט מען א כלי קודש מיט אלע הצטרכות, ער זאל שוין פאר שפארין זשעברעווען וויא אין פוילין, ! אזוי האנדלען זייא זיך אוים ארינטלאך אי פאר זיך אי פארין קריסט, מע קען ניט זאגין, עס איז דא אויך איינע גיצעהלטע אויסנאמע, נידריגע מענטשען מיט נידריגע הארַאקטערין, אבער גאר ווייניג, און בכלל איז דאס שטעדטיל זייער א שיינער מיסטער פון אחדות און גיטע זיטטען, א—נ—אמת מע זאל דא אן האפין פינם פראסטען בויער ביז דעם איידעלסטין קריסט, וועט ער זיך לאזען א פינגער שניידין פארין יודען!.. און אלע געזעלשאפטין זאגען דא קריכטין מיט אידין אין איינעם, זייא געהן איינם צום אנדערין אויף שמחות, און דער בייא וואס צו גאט איז צוא גאט!...

נא פוילישע יודען א יא! אז מע זוכט געפינט מען! אט לערינט אייך פון דעם שטעדטיל, דא קריגט מען זיך ניט איבערין שוחט, א חזן, א רב ווייל ער האלט מיט איין אנדער צדיק, דא איז נימא קיין מגין קיין גוטער יוד! און האבען דאך אלע פינם אייבערשטינם האנד פרנסה בכבוד! דא שלאגט מען זיך ניט אין דיא בתי מדרשים און מען פירט ניט קיין פראצעסן זעהט איר פוילישע שטעדליך, איהר זאלט וועלען א ראיה נעמען פון דעם שטעדטעל, וואלט איר אויך מיט

דער

דער צייט בעקאנט גיווארין אין דער וועלט אז אלע זאלין וויסען די
ווערט פינם נאמען יוד. —

## איטלעכער איז ביי זיך גענארט.

פאר עטליכע יאהרען, ניט היינט געדאכט, ניט איצט געדאכט, ניט פאר קיין יודען געדאכט, האב איך געמאכט א ביכיל מיט לידער, וואס פאר א שמחה אויף מיר איז געוועזען! איך האב געמיינט איך מאך גליקליך די וועלט, און בין אזוי ווייט פאר נארט געוועזען, אז מיר האט זיך אליין אויס געוויזען מען בעט מיך פון אלע זייטין און מען וויינט פאר מיר איך זאל זיא שוין גיכער אב דרוקין!.. וויא עס איז האב איך אריין געשפארט אריבער 300 ריבעל אין דריק אריין און האב אהן געהויבען דרוקען מיינע לידער, דא ערשט פאר עטליכע וואכין בשעת דרוקען האט זיך מיר אלץ געדאכט, אז די וועלט שרייט מיר נאך הינטען, "דריק שוין אב גיכער, מיר וועלין עס צוא האפען וויא הייסען פלארען!.. די טעג איז דאס ביכעל ארויס פונם דריק, מזל טוב! די וועלט האט א בן זכר געהאט מיט לאנגע יאהרען, איך האב אפילו קיין ח"י גדולים ניט גענומען, און האב איהם א נאמען געגעבען "דער בייזער מארשאליק" קוים איז דאס ביכיל פון דער דריק ארויס האב איך שוין ניט גיקענט שלאפין, איך האב מיר אלץ געקלערט, וויא פיעל זאל איך לייזען דער פר? א 25 גער איז צוא פיעל—10 קאפ' איז צוא ווייניג! היינט וויא אזוי זאר איך דא טהון? זאל איך זיך אליין ארומטראגין מיט זייא? איז ערשטינס שטעהט מיר ניט אן, צווייטינס וואס דארף איך דאס? מען וועט דאך צו מיר קימען און מען וועט מיך נאך בעטען... זאל איך ווידער ווארטין ביז מען וועט קימען? דאס וואלט איך אוודאי געוואלט, נאר איך ווארט און ווארט

אין



אין זעה ניט קיין לעבעדיגען מענטשען אין די אויגין, צוא אפילו א טויטען מענשין נאר מיט א לעבעדיגען גראשין... א קיצור איך האב א קוק געטוהן אז די וועלט לעבט אקיראט וויא פריער, די ערד דרעהט זיך, די זוהן ברענט, די לבנה קיהלט, מענטשען האנדלין און וואנדרין, מען עסט, מען טרינקט מען מאכט חתונה קינדער און מען בעגעהט זיך גאר אהן מיינע לידער, אט דא האב איך געטראכט, פיעלייכט ווייסט נאך גאר קיינער ניט פון דער כשרער מציאה? און האב באלד אביאוועט אין אלע גאזעטען און האב גישטעלט א פרייז פופציג קאפ'! און איך האב שוין יסורים גיהאט, וואס וועל איך טהון? איך לאזשיר אין א קליין צימעריל און דא וועט זיך די וועלט א שיט טהון צו מיר נאך די לידער וויא נאך מצה וואסער וויא זשע וועל זייא אויף נעמען? נאר דער אויבערשטער האט מיר א נס גיטון קיינער איז ניט געקומען, אט דא האב איך גיטראכט, אפשר איז צו טהייער פופציג קאפ' און האב אביאוועט פערציג—עס געהט ניט—דרייסיג עס געהט ניט, איין עק זאל עס נעהמען, פינף און צוואנציג, עס געהט ניט, האטש צערבייס זיך, ניט דא א גראשין... דא איז מיר שוין אריינגעפאלין א ספק! אפשר קען מאקי זיין, אז די וועלט קען זיך באגיין אהן מיינע לידער הא?... נאר אין עטליכע טאג ארום האב איך ארויס געזעהן, אז איך האב פארט א טעות דען עס האבין זיך אין געהויבען שיטען יודלעך צו מיר פון אלע זייטין, איך זאל זייא ווייזין דאס ביכעל, עס הייסט, איך זאל זייא נאר געבין איבער לייענען.. אצונד האב איך ערשט פערשטאנען, אז די וועלט דארף מאקי יא מיינע לידער, נאר וואס דען? די גאנצע מניעה איז דא די פינעף און צוואנציג קאפ'... א יא דאכט זיך גאר א קליינע מניעה, אין דעם ניוועגט זיך אבער אין גאנצען,

ווארום

ווארום איך דארף מעהר דיא פינף אונ צוואנציג קאפ׳ וויא זייא מיין
בוך. פריטייא וועל איך בייא קיינעם ניט פארלאנגען קיין פינף אונ
צוואנציג קאפ׳ אומזיסט, אונ זייא פערלאנגען יא מיין ביכעל איבער צו
לעזען אומזיסט, חלעבין א חדוש! א יא א חדוש? הא? וויא זאגט איר
מיינע טייערע לעזער? נאר איך וויים אז איר זענט גערעכט, וואלט בייא
מיר געוועזען צו פערקויפען ווייז, ביר, פיראזשנעם קראמעלקים אדער
חאטש פראסטע קאנפעקטין אוודאי וואלט איר ניט געזשאליוועט קיין
פינף אונ צוואנציג קאפ׳, חלעבין וואס זנאטשעט פינף אונ צוואנציג
קאפ׳ אויף אזוינע זאכין? א שפייא אבי אויף עפעס רעכטס, אויף נייטיגס,
אבער ניט אויף בלאטע, חלעבין וואס איז א יודעש בוך? אוודאי
א קריטיקע אויפן רבין. א לאך פון דיא חסידים, א שפאט פון אונזערע
נארישע איבערצייגונגען, א ציפ דיא פאלשע אריסטאקראטין א קניפ
דיא לייוועטענע זעק מיט קערבליך. א שמיים דיא אומזיסטיגע קהל
פרעסערס, א שנייד דיא פוילישע שדכנים, א רייב דיא פאר זיכערטע
שקאנטיסטען א ווייז אופין יודישען נידריגען שטאנד, א קרעכץ אויף
זייערע גילדענע טאלענטע וואס ווערין אומזיסט פאר פאלין, א זיפץ אויף
זייער אומכבוד וואס זייא האבין פון אלע זייטין... אונ נאך אזעלכע
שמאחטעס, וואס קריכין אונז גאר ניט אין קאפ אריין, ובפרט נאך
געלט צאלין דער פאר פינף אונ צוואנציג קאפ?... חלעבין נישט כדאי!
איך וויים, אז איר זענט אוודאי זייער גערעכט דער גראשין קומט אן
מיט צרות אונ דיא הוצאה איז גרוס, חלעבען מען דארף א מאל געבין
א גוטין יודען. א מאל אין טהעאטער, א מאל תקון אין קלייזילי א מאל
אויף א קערטיל, א מאל א בעל שם אונ א מאל צושמייער תשעה באב
אויף א קערבישעל. א מאל א ארץ ישראל יודען פאר זיין פתח׳ווטע מי
שבירך אונ א מאל דער דינסט מויד פאר איר פאשלושנאכט, היינט

וויא



וויא איז א קעמילע, א בריטווא א מזרח. א דאמינע, א וועטשרינקע
בייא חברה קדושה, א שטיקעל איקרע פון בופעט אונ נאך אזוינע
טויזענדער נייטיגע זאכין וואס קאסטין געבעך בלוט, אונ אין מיטן דרינען
אט האסטו דיר גאר א פארשימעלטען מחבר אויך צום טיש? גלייך
אלס מען בעט איהם ער זאל שרייבען? אונ אז ער שרייבט, ווער הערט
איהם? ווער דארף עם ווער קוקט עם אן? וועמען הארט עם אז דער
צדיק פערפירט א וועלט? אז דער סבארשטיק נעמט צוא באם ארימאן
דאס לעצטע איבער בעטיל? אז דער געשטאפטער גביר פילט אן זיינע
זעק מיטין ארומאנם טרוד אונ וויל ניט געבען א גראשין אויף צרכי
צבור? אז דער אויפגעפיצטע אריסטאקראט האט פיינד א חסיד וויא
חזיר, א געבילדטין וויא דעם טוידט. א מתנגד וויא דיא ערשטע צווייא,
דיא תורה נאך ערגער פון דיא דרייא, זיין סאוועסט איז קאלט וויא
אייז, דער שכל שטומפיגער פון א קאלאראטש, דאס הארץ אומריינער
פון א פוילישען רעקרוטסקא סטארעסטע, דיא מארדע אנגעשפיגעוועט
מיט טרפות אונ ווייסט אפילו ניט וויא אריסטאקראט הייבט זיך אן וויא
אסור לאזט זיך אוים? אונ וויא אזוי הייסט דאס חומשיל, וואס גייט
צווישען דיא פינף חומשים אין דער מיט? נא וועמען באלאנגען אזעלכע
שמאחטעס? הא א יא איך האלט מיט אייך? א יוד רעבט גאר פאר
זיך. וואס גייט אים אן דער כלל? אונ צום אמת איז דען ניט א גלעכטער
צו שטיין דער בייא, וויא איין אבגעריסענער. מחבר ברייגגט דעם
פערטראגענעם נגיד א ווערק, אונ דער ציילט אים א מעשה, וואס איז?
ער שרייבט וועגין דיא שלעכטע קינדער ערציהונג אין פוילען, וועגען
זייערע פערק[illegible] ר[illegible]גע זיטטען, וועגין דעם פינצטערין חסידות, וועגין
דיא נייע מאדנע אונ ווילדע מענטשען, אדער ביסמאקענע עזלען, וועגין
יודישע קהלים זאבען וכדומה אונ דער ציילט נאך אזוי ערגסט אז בלוט

רינגט

רינט איהם אזש פונם הארצין. אונ דילט אזו אן א קאפ ווען דער
נגיד איז גאר געביך פערטראגין אין פריצענטין, קורסען, בילעטין,
סעריעס אקסען ווייץ, וכדומה. אים הארט דאס אלץ פינקט וויא אפולישין
אטה אטשיק הארט, אז דעם רעקרוט גייט נאך איין אלטע בלינדע מאמע.
אונ הלשת פערצעהן מאל אין דער מינוט, דען וואס זאל איהם דא
הארין, ערדערלייגט עפיס א קערביל דערצו? הא? אונ וויא באלד ניט
א קערביל—לאזין פרא איהם אפילו דיא חסידים טאנצען מיט לאמפאסענע
הויזין באם רבי'ן אופין טיש, אונ אריסטאקראטין געהן אונ בערשיטער
טלית קטן'ס?! הא? וואס זשע שטעהט ער נאך, דער נארישער מחבר
אונ דילט אים אום זוסט אספאדעק, אונ וויל נאך געלט פאר דער
זיסע סחורה? פאר וואס האט ער בעסער ניט געבראכט א פראבקע
פראסע, הירזש, רעטשקע? הא? האט איר געהערט אזא מין משוגעת
פון א מענטשין? זיך אנמאכין אומזיסטיגע שנאה אי בייא חסידים אי
בייא אריסטאקראטין. אונ וועלין א טובה טאן דעם וואס עס פאדערט
גאר זיין טובה ניט, וועלין אויסצוואגין דיא האר דעם וואס ער מיינט
אז ער טראגט איין אוצר אופין קאפ, עס איז יא בדאי זיך צוא קויפין
שונאים. ווען זשע? אויף געבען א קערביל, ניט נעמען.. וואס זאגט
ער נאך? שטייטש ער האט נעבעך אויסגעלייגט מזומן געלט פונם לעצטן
אויף דער דרוק, איהר פארשטעהט? ער האט אוסגעלייגט מזומן געלט
פאר יענער קאנטאר אונ האט א אנוויזונג אויף דער קאנטאר.. צו ער
האט אויס געלייגט לויט נאך'ן לייפציגער קורס אופין טאלער אונ פאדערט
דא אופין רוביל!.. נא דיר אויס געלייגט! ער ווארפט געלט אין דער
בלאטע, אונ וויל יענער זאל אוך טאן דאס נארעשקייט? אבער גאר
לא, ניט נאר דיין בוך, דיך אליין דארף ער אויך אויף כפרות, ווארום
אז דוא האסט ניט קיין פראסע, וואזשע טויגסטו? האסט ניט קיין
יארעוואקס



יארעוואקס, גייא אהיים שלאפן. דער חסיל וואס דוא בעדויערסט אים
אין דיין בוכיל, איז נאר באם גביר אסך חשובער פון אייערי טווינד
מחברים, מיט אים פירען זיך אלע דייטשין ארום, ווייל ער האט פראסע,
צו ער מיינט ער האט, צו יענער האט אונ ער איז א מעקלער, צו
קאמיסיאנער דער פון, צו קיינער האט ניט, נאר ער רעט אבער פון
פראסע,.. א יא מיינע ליבע קונים איך פערשטייא א—נ—עסק? אי
וואזשע האב איך געדרוקט מיינע לידער? טאקע זעהר א געווינטע
קשיא — דער תירוץ איז אבער, איטליכער איז בייא זיך גנארט, „וואזשע
ווילסטו נאך פאר זייא געלט"? — פון וואנען ווייסט איהר? איהר האט
זיך נאך ניט געפרובט אריין גיין צו מיר, טאמער וועל איך זייא אייך גאר
שיינקען אומזיסט! „כמאטש דוא האסט אביאוועט א פרייז"? ווארום
איך האב געדיינקט אז איטליכער איז גנארט, מן הסתם זענט איר אוך
גענארט, והא ראיה אז ס'איז אמת, איך זעה זיך אז איר זענט בעלנים
אויף שמאטעס, אויף מעשה ביכלעך. וואס זאגען טאקע א—נ—אמת ניט
ווערטה, וואס דיא ערד טראגט זייא מיט זייערי מחברים אינאיינעם,
נאר אוב אוף מיין ביכל זאגט איר ניט גינארט זאטשי מוחל האב איך ניט
נטאנצט היינט מעגט איר שוין קומען צו מיר איך זאג אייך בנאמנות, אז
איך וועל אייך שיין אויפנעמען, אונ אז איר וועט מיר גאר ברייגען
פינף אונ צוואנציג קאפ' מינץ וועל איך אייך בנאמנות מיין סחורה
אוועק שיינקען אומזיסט! א יא איהר מיינט איך רייד איצט וויא איין
משוגענער? ניין חלעבין! איך זאג דאך אייך ניט, איר זאלט מיר גיבין
פאר מיין ביכעל, איך זאג אייך פאר מיין סחורה, נא שפיגלען אונ
ברילין איז דען קיין סחורה ניט?.. קומט ברידערליך מעסט אן מיינע
ברילין וועט איר גוט ארויס זעהן יענעם! קוקט אין מיינע שפיגלען וועט
איר גוט דערזעהן זיך!.. איך האב אפילו איין סארט ברילען וואס
איר וועט מיך אליין אוך גוט דערקענען, אונ וואס מיינט איר, וועט איר
דער

דֶער זָעהֶען אוֹיף מִיר ? מֶער נִיט וִויא אַ טַייעָרֶען גֶעשְׁלִיפֶענֶעם קַבְּצָן
מִיט אַלֶע פִּישְׁטְשֶׁעוְוקֶעס ! אוּנ פַאר דֶער בְּרִיל בֶּעט אִיךְ פִינְף
אוּנ צְוָואנְצִיג קאפּ׳ , אִיז זִיא אֶפְשַׁר נִיט וֶוערְטְה ? אַז מֶע קֶען גָאר
זֶעהֶן אוֹיף אַ בְּרִיל אַ מִין סָארְט קַבְּצָן מִיט אַ בִּיסְמַארְקֶענֶעם רָאק ,
מִיט בְּרֵייטֶע פַּאמְפַּאסִין , מִיט אַ קָאסֶע זְשִׁילֶעט , מִיט אַ שְׁפִּיצֶעבְרִינֶען
קְרַאגִין , אוּנ אַ וַוייסְן הוּיכֶען הוּט מִיט אַ רֶעזִינְקֶע , דֶערְצֵי נָאךְ אַ
מֶעדַאלְיָאן בַּאם זֵייגֶער ! ? הַא ? אִי אַזוֹינֶע קַבְּצָנִים אַ סַךְ אִין אֶפְשַׁר
כִּמְעַט אַלֶע , וֶועהְט מֶען הַיינְט דוּרְךְ אוֹים גָאר אָהן בְּרִילֶען ? זֵייא
זָאגִין זִיךְ אָבֶּער נִיט אוֹים , אוּנ לָאזִין אוֹיף זִיךְ אַ סַךְ נִיט קוּקִין , אוּנ אִיךְ
אָבְּיַאוֶוע נָאךְ יֶעדִין מֶע זָאל גֶעהֶן קוּקִין אוֹיף אַזַא מִין בִּיסְמַארְקֶענֶעם
קַבְּצָן ! אִיז דֶען נִיט מֶער וֶוערְטְה וִויא אוֹיף אַ קַארְלִיק צוּ קוּקִין ?
דָארְט וֶועהְט אִיר אַ קְלֵיינְס , אַ גָאר נִיט פַאר פוּפְצִיג קָאפּ׳ , אוּנ דָא
וֶועהְט אִיר אַגְעזִינְטֶען , גֶעפַאסֶעטִין קַבְּצָן וִויא עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן פַאר
פוּפְצִיג קָאפּ׳ ! אַוַודַאי מָאגְט אִיהְר גִיבֶּען , אִיךְ וֶועל זִיכֶר הֲנָאָה הָאבִּין ,
אוּנ אִיר וֶועט אַוַודַאי חֲרָטָה הָאבֶּען ! . .

## מִשְׁלֵי מוּסָר קָאפִּיטֶל – 5

1) דֶער דַלִית אִיז וִויא אַ–נ–אַלְטֶער מַאנְן , אַז עֶר וֶועצְט זִיךְ עֶרְגֶעץ
אָפְּרוּעֶן הָאט עֶר שׁוֹין קֵיין כֹּחַ נִיט אַוֶועק צוּ גֵיין .
2) דִיא עֶלְטֶער אִיז וִויא אַ וַוייבּ , אַז מֶען גִיט אִיר נָאךְ טְרָעט זִיא
אוֹיפִין קָאפּ .
3) בֶּערִים זִיךְ נִיט מִיט דֶער יוּגֶענְד , אַ סַךְ אַלְטֶע פֶערְד פִירֶען יוּנְגֶע
פֶעלְכֶלִיךְ צוּ פַאר קוֹיפֶען .
4) דִיא עֶלְטֶער אַנְטְוַויינְט בִּיסְלֶךְ וַוייס פוּנֶם לֶעבֶּען . וַויא דִיא מִיטֶער
אַנְטְוַויינְט דָאס קִינְד פוּן דֶער בְּרִיסְט .

דער



5) דֶער וֶועהְסְט נָאר אַ גְרָאֶע הָאר , מַאךְ זִיךְ שׁוֹין פַארְטִיג אִין וֶועג .
6) אַ גְרָאֶע הָאר אִיז וִויא אַ פֶענְדִיל אִין דֶער מִלְחָמָה , אַז מֶע צִיט אוֹיף
דָאס פֶענְדִיל מוּז מֶען גֵיין ,
7) דֶער טוֹיט אִיז דֶער עֶק פוּנֶם לֶעבִּין , אוּנ מִ'טֶן לֶעבֶּען וֶוערְט גִבָּארְן
דֶער טוֹידְט .
8) בִּיז מֶע לֶעבְּט וָואס הָאט מֶען מוֹרָא פַארִין טוֹיט , אוּנ אַז מֶע אִיז
שׁוֹין גִישְׁטָארְבִּין אִיז זִיךְ שׁוֹין נָאךְ אַלֶעמֶען ,
9) הָאדֶעוֶוע דֶעם גוּף צוּא לֶעבִּין , אוּנ דִיא נְשָׁמָה צוּם שְׁטַארְבִּין .
10) דִיא נַאטִיר פֶערְשְׁלָאפְט דֶעם מֶענְטְשֶׁען אַלֶע נַאכְט כְּדֵי זִיא זָאל אִים
אַיינְגֶעוַויינֶען צוּם טוֹיט .
11) דָאס לֶעבִּין אִיז אַ קְרֵיינְק וָואס מֶע שְׁטַארְבְּט פוּן אִיר , נָאר דֶר טוֹיט
הֵיילְט אוֹים פוּן דֶער קְרֵיינְק .
12) דָארְט וִויא מֶע לֶעבְּט אִיז נִיטָא קֵיין רוּה , אוּנ דָארְט וִויא מֶע רִיהְט
אִיז נִיטָא קֵיין לֶעבִּין .
13) דוּא ווִילְסְט וַויסֶען אַ מְבִינוּת אוֹיף דֵיין וֶוערְק , פְרֶעג דֶעם נַאר
וָואס עֶר וֶועט זָאגִין , אִיז אַ סִימָן פַארְקֶערְט .
14) דִיא וֶועלְט אִיז אַ בֶּעדֶעל , דָאס גְלִיק אִיז דִיא אֵייבֶּערְשְׁטֶע בַּאנְק ,
דִיא צַייט אִיז דָאס בֶּעזִימֶעל , אַז מֶע לִיגְט שׁוֹין גָאר אוֹיף דֶער
אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאנְק טִיהְט אַ בְּרִיָה דָאס בֶּעזֶעמֶעל , אוּנ מֶע
שְׁפְּרִינְגְט אַרָאפּ .
15) אַז וואל אִיז דִיא יָאהרֶען וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אָבּ גֶעלֶעבְּט וָוארוּם
זֵייא הָאבִּין מִיךְ שׁוֹין גִיפַּאטֶערְט נָאר אַז וֶועה אִיז דִיא יָארִין וָואס
אִיךְ דַארְף עֶרְשְׁט לֶעבִּין .
16) מִילְיָאנֶען מֶענְטְשִׁין קוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט וִויא הוּנְדֶערְטֶער
אַקְטְיָארִין אוֹיף דֶער סְצֶענֶע , אֵיין אַקְטְיָאר פוּן הוּנְדֶערְט רִיפְט מֶען
ארויס

אַרוּים נָאךְ זַיין רָאלֶע, אוּנ אֵיין מֶענְטְשׁ פוּן אֵיין מִילְיָאן בְּלַייבְּט
אוּנְשְׁטֶערְבְּלִיךְ.

17) עֶס אִיז נִיטָא דִיא נַייט וָואס מֶע זָאל זִיךְ פוּן אִיר נִיט קֶענֶען אוֹיס
דְרֵייעֶן, גָאר בַּייא דֶער גְרֶעסְטֶער נוֹיט, דְרוּיט מֶען זִיךְ אוֹיס
מִיטֶען טוֹיט!..

81) דֶער גְרָאדֶער פַארְשְׁטַאנְד אִיז עֶלְטֶער פוּן אַלֶע יָאהְר הוּנְדֶערְטִין —

(בעלינסקי)

---

## אַ חִדוּשׁ בְּנֶאֱמָנוּת!

אַמָאהלִיגֶע צַדִיקִים הָאבֶּען אַלֶעסְדִינְג גֶעקֶענְט.
לֶעבֶּעדִיגֶע מַלְאָכִים פְלֶעגִין זַייא חַאפִּין אִין דִיא הֶענְט.
מִיט זַייעֶרֶע לֶעכְטִיגֶע אוֹיגִין הָאבֶּען זַייא אַלֶעס גִיזֶעהֶן.
אֲפִילוּ וָואס אִין זִיבֶּעטִין הִימִיל אִיז גִישֶׁעהֶען.
אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת עֶלְיוֹנִים זָאנֶען זַייא גֶעוֶעהֶען פַארְטִיקֶן.
אוּם שֶׁפַע, בְּרָכָה, הַצְלָחָה, אוֹיף דֶער עֶרְד צוּא בַּאצִיהֶען.
נָע וָנָד אִין דֶער מִדְבָּר הָאבִּין זַייא דֶעם אֶמֶת גֶעזִיכְט,
פוּן אַלֶע וֶועלְט תַּעֲנוּגִים הָאבִּין זַייא נִיט פֶערְזוּכְט.
הָאבֶּען גֶעפַאסְט הַפְסָקוֹת מִיט סִגוּפִים אַלֶערְלַייא,
גֶעטוּבֶלְט זִיךְ אִין פַּאלָאנְקֶעס, גֶעקַאטְשֶׁעט אִין שְׁנֵייא.
אַ כְּלַל זַייא הָאבִּין זִיךְ כִּמְעַט מִיט גָאט גִיקֶענְט פַאר גְלַייכִין,
זַייא הָאבֶּען גֶעקָאנְט אֲפִילוּ דִיא נַאטוּר אִיבֶּער מַאכִין!...
צוּם סוֹף, נָאךְ דֶעם אַלֶעמֶען זֶענֶען זַייא גִישְׁטָארְבִּין פַאר הוּנְגֶער.
זַייעֶר מַאנְגִיל אוּנ נַייט אִיז דֶערְמִיט נִיט גֶעוָוארֶען גְרִינְגֶער.
פוּן צָרוֹת, פוּן נִתְקוֹת הָאבִּין זַייא גֶעטְרִיקֶענְט גֶעוָוארְט.

אִין



אִין זַייעֶר פוּנְצְטֶעדֶער מַעֲמָד הָאט גָאר קֵיינֶעם נִיט גִיהַארְט.
אֶפְשַׁר אֵיינֶער פוּן טוֹיזִינְד הָאט זִיךְ דֶער מַאנְט בַּייא דֶער נוֹיט
אוּנ הָאט זַייא קַאם אוּנְטֶער גֶעהָאלְפֶען מִיט אַ שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט!..
דֶער פַאר זָאגְט מֶען „דִיא וֶועלְט אִיז אַ מָאהל זַייעֶר נַארִישׁ גִיוֶועהֶן;
הַיינְט אִיז זִיא קְלִיגֶער!“ אַ נָא לָאמִיר זֶעהֶען.
הַיינְטִיגֶע גִיטֶע יוּדִין זָאנֶען אָהן חָכְמָה, אָהן תּוֹרָה.
פַאר מַלְאָכִים אִין שֵׁדִים הָאבִּין זַייא גָאר מוֹרָא!
מִיט יֶענֶער וֶועלְט זָאנֶען זַייא גָאר קַארְגֶע מְחוּתָּנִים,
אִין הִימֶעל אַרַיין הָאבִּין זַייא מוֹרָא גָאר ווַייזִין אַ פָּנִים!..
זַייא הֶעלְפִין נָאר דֶער וֶועלְט מִיט אַ זוּפְּץ. מִיט אַ קְרֶעכְץ...
אִין תּוֹךְ אַרַיין זֶעהְט מֶען פוּן זַייא נִיט אֵיינֶם אַ רֶעכְטֶס!..
צוּם סוֹף לֶעבִּין זַייא ווִיא פִירְסְטֶען, ווִיא גְרַאפִין,
מִיט קַארֶעטֶעס מִיט פֶערְד, מִיט פְרֶעסִין אוּנ זָאפִין.
מִיט פַּאלַאצִין מִיט סֶעדֶער, מִיט שְׁפִּילֶען מִיט זִינְגֶען,
מִיט לַאכִין מִיט הִילֶיעֶן, מִיט טַאנְצִין אוּנ שְׁפְּרִינְגֶען.
אִין שֵׂכֶל פְלַיאטְשִׁיק, אוּנ יִרְאַת שָׁמַיִם גֶעמֵיין,
אִין דִיא וֶועלְט לוֹיפְט זַייא נָאךְ, גְרוֹיס אוּנ קְלֵיין.
מֶע ווַארְפְט זַייא נָאךְ גָאלְד, זִילְבֶּער אוּנ דִיאַמַאנְטִין,
גֶעוִיל, רוּבֶּענְיעֶן שְׁמוּרַאקֶען אוּנ בְּרִילַאנְטֶען,
זַיין וָוארְט אִיז הֵיילִיג, זַיין מִנְהָג אִיז טַהייעֶר,
פַאר אִיהְם לוֹיפִין אַלֶע אִין ווַאסֶער אוּנ אִין פַייעֶר!..
יוֹיב הַיינְט הֵייסְט קְלוּג, אוּנ אַ מָאהל נַארִישׁ אוּנ לֵיצָנוּת,
אִיז מִיר טַאקִי „אַ חִדוּשׁ בְּנֶאֱמָנוּת!..“

אַ מָאל. אַז דֶער בַּע״שׁ הָאט מִיט דֶער חֶבְרַייא גֶעטַאנְצְט,
אוּנ הָאט אוֹיף ר׳ וָואלְף קִיצֶעס דִיא אוֹיגִין פַאר גְלַאנְצְט.
אַזוֹי הָאט ר׳ וָואלְף קִיצֶעס מִיט הִתְלַהֲבוּת אָנְגֶעהֵייבִּין טַאנְצִין,

דלת בין

בּיז דיא פֿאַנטאָפּעל האָבּין זיך אִיהם צֶערִיסֶען אִין גאַנצִין •
אַזוי האָט עֶר צוא אָרֶעלֶע דֶעם בּעש״ם געטיהן אַ געשרייא ,
סויף מִיר טַאכטֶער גִיכֶער פּאַנטאָפּיל צוֶוייא !
וֶועל אִיךְ דִיר פוּעֶלִין צוַויא זִין בַּאם בּוֹרֵא שָׁמַיִם ,
אִין דָאס יָאר הָאט זיא גִיהַאט ר׳ בָּרוּךְ מִיט ר׳ אֶפְרַיִם ! • • •
דַאכט זיך אַזַא מוֹפֵת קֶען נָאר טִיהְן גָאט אַלֵיין ,
פְרִיטָא אִיז דֶער פוּן גָאר קֵיין רֵיידֶע נִיט געוֶועהן !
הַיינט בְּרֵיינגט דֶעם רֶבִּין עֶפִּיס אַ רַייכֶע אַלְמָנָה ,
פַאר אַ הוּנדֶערטֶער געשטִיקטֶע פַּאנטֶעפֶּעלִיךְ אַ מַתָּנָה ;
אַז דָאס קִינְד וָואס זיא טְרָאגְט זָאל זַיין אַ רַב בַּא אִיהר לֶעבִּין ,
אוּנ עֶר שְׁוֶוערְט עֶר צִיא , אַז מֶע מֶעג אִיהם גְלוֹיבֶּען •
צוּם סוֹף לָאזְט זיך אוֹיס אַז זיא הָאט גָאר אַ מֵיידִיל גִיהַאט ,
אִין צוּ אַכְצִין יָאהר הָאט זיא זיך גָאר אָפּ געשְׁמַדְט ;
שְׁרַייעֶן נָאךְ דיא חֲסִידִים „אַ מוֹפֵת אַ נֵס !
דֶער רַבִּי הָאט זיך נָאךְ פְרִיעֶר אַרוֹיס גִיזֶעהֶן דֶעם גַאנְצִין אוּנְטֶערֶעס •
אוֹיבּ הַיינְטִיגֶע וֶועלְט אִיז אֶמֶת , אִין יֶענֶע שֶׁקָרְנוּת ,
אִיז מִיר טַאקִי אַ חִדוּשׁ בְּנֶאֱמָנוּת ! • • •

אַ מָאהל אַז דיא פַּייטָנִים הָאבִּין געשְׁרִיבֶּען זֵייעֶרִי מְטִיחֶעס ,
יוֹצְרוֹת , פִּזְמוֹן׳ס , שַׁלְמוֹנִיוֹתְ׳ן אִין סְלִיחוֹת •
אָן אַ גִידַאנְק , אָן געפִיל , אָן רֵיחַ אָן טַעַם •
הֶעבְּרֵייעֶשׁ גְרֶעקִישׁ אַרַמִישׁ , אַבִּיא שְׁטְרַאם גְרַאם !
הָאבִּין זיך יֶענֶע דֶער פוּן גָאר נִיט גִימַאכְט •
אוּנ הָאבֶּען דיא פִּיטָנִים געשֶׁעצְט אוּנ געאַכְט •
גְלַייךְ וִויא דָאס אַלֶעס הָאט נָאר גָאט גִרֶעט
אוּנ דֶער פַּייטָן הָאט גְהֵייסִין „דֶער געטְלִיכֶער פָּאעֶט” !
הַיינְט אַז דיא גְרוֹסֶע דִיכְטֶער זַאנֶען געקוּמֶען

אונ



אוּנ מִיט דֶער וַואהרֶער פָּאעֶזיֶע הָאבִּין זֵייא זיך גענוּמֶען •
שְׁרַייבֶּען זֵייעֶרֶע שִׁירִים מִיט אַ לָאגִישֶׁע רֵיינֶע שְׁפְּרַאךְ ,
אוּנ אַזוֹ זִים צוּעֶרְקְלֶערִין אוּנ בַּאזִינגֶען יֶעדֶער זַאךְ •
אַזוֹי טַאקְטִישׁ , אַזוֹי קְלִינְגֶענְדִיג אַ גָאטְס וִוינְדֶער ,
אַז צוּ צִיגֵייט זיך פָּשׁוּט אִין אִיטְלִיכֶען אֵבֶר בַּאזוּנְדֶער •
צוּם סוֹף הֵייסֶען זֵייא בַּייא דֶער וֶועלְט מַארְשַׁאלְקָאס בַּדְחָנִים ,
אוּנ מֶע לַאכְט זֵייא אוֹס וִויא מְשׁוּגָעִים וִויא נַארָאנִים ! . . .
אוֹיבּ דֶער פַּיְטָן הָאט פֶערְדִינְט לוֹיבּ . אִין דֶער דִיכְטֶער לֵצָנוּת ,
אִיז מִיר טַאקֶע אַ חִדוּשׁ בְּנֶאֱמָנוּת . . .

אַמָאל פְלֶעגְט דֶער מַאן הֶעֶרְשִׁין אִיבֶּערִין וַוייבּ חְלֶעבִּין ,
אוּנ זיא פְלֶעגְט אִיהְם טְרַאיי זַיין מִיט לַייבּ אוּנ לֶעבִּין •
עֶר פְלֶעג זִיצִין אִין צִימֶער שְׁטִיל אוּנ בֶּערִיט ,
אוּנ זיא פְלֶעגְט הָארֶעוֶוען קֵיין מָאל נִיט וֶוערִין מִיד •
זיא פְלֶעג אַרְבַּייטֶען , שְׁפִּינֶען הֶעפְטִין אוּנ נֵייעֶן ,
אוּנ אִיהְם מִיט דיא קִינְדֶער הָאט זיא נָאר גְהָאדֶעוֶועט אַלֵיין •
אִין טֶהעאַטֶערִין אִין מַאסְקְרַאדִין הָאט עֶר זיא נִיט געפִירְט ,
אִין נֵיידִינְס אוּנ אִין בֶּערְלַיאַנְטִין הָאט עֶר זיא נִיט גְצִירְט •
אוּנְטֶער דֶעסִין הָאט זיא אִיהְם לִיבּ געהַאט וִויא דָאס גַאנְצֶע לֶעבִּין ,
דֶעם גְרֶעסְטִין כָּבוֹד הָאט זיא אִיהְם אָפּ גְגֶעבִּין •
זֵייא הָאבִּין בֵּיידֶע געקְלִיבֶּען נַחַת , בֵּיידֶע געקְוֶועלְט ,
אוּנ וִויא דיא טוֹיבִּין הָאבִּין זֵייא אָפּ גְלֶעבְּט זֵייעֶר וֶועלְט ;
הַיינְט אִיז דֶער מַאן דֶעם וַוייבּ אַ מְשָׁרֵת ,
עֶר לֶעבְּט טָאג אוּנ נַאכְט אִין דַחֲקוֹת אִין צָרוֹת •
אִיהר צוּ שְׁטֶעלֶען אַ נַייֶע הוּט , אַ נַייֶעס גַארְנִיטֶער ,
אַ פָּאר רַאנֶגֶע צֶעפּ , אוּנ אַ סַאמֶעמֶענֶעם מַאנְטִיל אוֹיף פִיטֶער •
עֶר טֵיילְט אִיר צוּ אַלֶע פֶערְגֶענִיגֶען אִינֶם שְׁלֶעכְטִין שְׁטַאנְד ,

טעהאט ארין

טעהאטערין, גוליאנעס, אפילו נאך אויס לאנד!..
ער טראגט איר נאך דעם שלייף אזוי וויא א לאקייא,
אונ מאכט איר קאמפלימענטין וואהין זיא טוהט זיך א דרייא,
צום סוף געהט זיא שטענדיג ארום ברוגז, פארטראכט,
זיא רוהט ניט באטאג, זיא שלאפט ניט באנאכט.
זיא דארט אונ טריקענט אלע מאהל מער,
זיא איז אלץ ניט צו פרידין, דאס הארץ איז איר שווער.
זיא פארדרייט דיא יאהר (נאט זאל מיך ניט שטראפין פאר דיא זינד,
אונ זייא לעבין אפ דיא וועלט וויא א קאץ מיט א הינד!..
אויב היינט-הייסט גוטע יאהרין אינ א מאהליגע סבות,
איז מיר טאקי א חדוש בנאמנות!..

א מאהל האבען דיא סוחרים געהאנדעלט אויף דער וועלט,
אויף מזומנ'ר סחורה אויף אייגען געלט.
מזומנ'ע טויזינט טשעטווערץ ווייץ אז ער האט געהאט.
האט ער זייא פאר קויפט, אונ פארין געלט געקויפט סקאט,
פאר קויפט דאס סקאט אינ סע האט גאר קיין סך ניט גידויערט.
אונ פארין געלד געקויפט וואהל אדער ספירט
דער מוכר האט געוויזען זיין סחורה בהן,
אין דער קונה האט גיצאלט מיט קלינגערס, ניט אויף דער פען!..
דאס קליינע קרעדיטל האט זיך קיין מאהל ניט געשטערט,
באנקראטסווא אינ אנגעטץ האט מען ניט געהערט!
אזוי איז דער האנדעל געגאנגען לעבעדיג אין א פערגעניגען,
אונ דיא סוחרים האבין אלע מאהל העכער געשטיגען!..
היינט וויא ערגעץ א נישט, א קולאטשניק א סיפאק,
ווערט א סוחר נאך מיטין גרויסען קנאק! —
וויא אזוי זשע הייבט ער אן האנדלען מיט ליידיגע הענד?

ער



ער לויפט קיין אדעס אונ ווערט אין א קאנטאר א אגענט:
ער פאר קויפט אויף קאנטראקט עטליכע טויזינד טשעטווערט קארין,
אביא ער חאפט דיא מאניע ווערט ער א יונג מיט שפארין.
אי עס קאסט אים אפ דאס קרן מיט רוחים פראצענט,
בלאטע! אביא אסוחר ער פלאקערט, ער ברענט!
וויא אזוי זשע געהט דער מסחר! וועל איך אייך זאגין,
יעדער נישטיג שיינקעניל קויפט באם גוי חטים אדער דגן,
וואס דער גוי וועט ערשט א מאהל אין דער ערד פארזעהען,
אן דעם שיינקערס אדראף קען מען שוין פארשטעהען,
א שקאליק, א האלבער שקאליק מיט צווייא שקאליקעס אונטער געשלאגן,
אזוי ווערט א חשבון אויף צעהן טשעטווערט חטים אונ אוף פינף דגן,
אזוי האט יעדער שיינקער צו פינף זעקס אוסלאוויעס אויפין גוי,
אונ דער נגיד פונם דארף קויפט זייא אפ אויך אזוי.
דער מין נגיד פאר קויפט זייא שוין דעם סוחר אליין,
מיט זיין גאראנטיע, אזויא דארף מען פערשטעהען.
ער נעמט ארויס אויף יעדין טשעטווערט צו דרייא קערבלאך אבער פיער,
דער טאפט דיא מאניע! — וואס ער טראכט ווייסען מיר!..
געדיינקט זשע, דער סוחר האט פאר קויפט, דער נגיד האט פאר קויפט,
דיא שיינקערס האבין פאר קויפט, דער גוי האט פאר קויפט.
אונ דיא אלע פאקופקעס זיינען ערשט אויף פאפיר אפ געמאכט,
א מזומענע זערנע ברויט איז נאך ניט דא געדאכט!..
וואס לאזט זיך אויס? דער גוי האט גאר ניט צוא פאר זייען,
בא דעם איז ניט אויף געגאנגען, בא יענעם איז א פאר געוועהען.
שיינקארעס אביונים, קאלאניסטען צו פארען זיך, יעדער זיין וועג,
דער נגיד לאזט ארויס א קול „מע האט איהם באגנבט זיין פערמעג!
דער סוחר וואס טוהט בא אזא וויסטער נויט?

היינט

ער גריזעט אן צעהן טשעטווערט אין נעמט א־קאנאסאמענט אויף
פופציג טשעטווערט ברויט.
אויפין קאנאסאמענט פאדערט ער ארויס פון אדעסס ארויס דאס לעצט
אין דריטין ווערסט פונם פריסטאן האט זיך דיא שיף גיזעצט!
טאמער געהט ניט דאס פאקיס מיט דער שיף
גיט ער גלאט ניט אפ דעם אדארויף!
ער שרייט ער האט ניט אין כע מעג איהם זייער גלויבען!
ווארען וויא האט ער גענימען אויף אזאברייט צו לעבין?
מיט זילבערנע סערוויזען מיט סאמעטענע פלאטיעס דעם ווייב?
ווען האט ער אזוינע העמדער גיטראגין אויף זיין לייב?
דאס איז אלץ אדעסער געלט!
דאס האט מען אלץ ביז אין קראק געסמאלעט א וועלט!
אצונד איז ער געבליבען הויל ניט א הין ניט א הער
נא האט ער ניט גיטאנצט מיטין בער! —
ער איז גיוועזין א קבצן, א פארח א מארק סיפאק,
אין איז איצט ווייטער דער אייגענער ליידאק!
אזוי ווערט דער וייל געקוילעט דיא וועלט
דער מסחר ווערט זייער נידריג, שארלאטאניש גישטעלט
דיא קאנטארין לערענט עס גאר ניט אן
צו נייעם סעזאן, יאוועט זיך א נייע פאן
נייע שארלאטאנעם הייבען אן שפילען דיא ראלל
אין צום יאהר קומען זייא אוים מיטין אלטין כלל!...
אזוי איז א פנים היינטיגע וועלט שוין באשערט,
אז דער אמת׳ער ארינטליכער סוחר זאל ליגין אין דער ערד!
ווען דאס דרויב, דארף האלטין דעם מסחר אין דיא הענט,
זאגט מיר, איך בעט אייך אין וועמען איז דאס גווענט?





אויך אין דער חכמה פון היינטיגער וועלט? אהן לצנות?
איז מיר טאכי א חדוש בנאמנות!!!...

א מאל האט מען דעם קאפ זייער טייער געשאצט,
נאר א גוט שטריימעל האט א הינדערטער גיפלאצט.
א פופציגיר פאר א גוט סויבלען מיטצעל,
א פינף און צוואנציגער פאר א ספאדיק מיטין שפיטציל.
אויף דיא פיס האט מען זיך ניט אומגעקיקט גאר,
פאר א פערציקער א פאר פאנטאפיל אויף א גאנץ יאר!
היינט שפילט דער פיס א גאנצע ראלל,
מע מאכט פון זיינעט וועגין א געפארבטין פאלל.
שיך, שטיוועל, שטיוועלעטען און קאלאשען,
דאס קאסט אפ א יאהר א שיינער גראשין!
דרייסיג פערציג קערבליך שוין גאר ניט גירעט,
אין דעם קאפ טוט מען אן פאר אפינף גילדענטשיק א קאשקעט!
זאל שון דער פיס פונעם קאפ טייערר זיין נאך היינטיגע ישרנות!
איז מיר טאקע א חדוש בנאמנות!!!...

א מאל דער גרויס גילערינטער, געבילדעטער מאן,
וואס האט זיך אנגילערינט וויא וויית מען קאן.
און דער צוא האט ער נאך גינוג גיפראקטעקירט דיא וועלט!
אז ער פלעג עפים איבער טרעטין מאכין זיך א היתר,
רייכערין שבת, צו וואס—וואזשע איז פעטער.
אז ווער עס וועט איהם נאר פרעגין וואס איז דאס פאר א נייס?
וועט ער איהם דער ווייזען דעם היתר מיט טויזענטער ראיות:
אז ער איז פיל מיט חכמה, פיל מיט תורה,
אוודאי איז אזוינעם פערצייליך עפים א־נ־עברה!

היינט אַ פּריקאַשטשיק , אַ משרת פון אַ קלייט ?
מיט שטיוועלעטען אויף סקריפּקעס און דער לאַמפּאַס בּרייט.
אָהן שׂכל , אָהן געלט , אָהן סחורה !
אָהן פּראַקסע , אָהן חכמה אָהן תורה :
וואָס קען ניט אַ וואָרט עברי אַפילו אין סדור ,
טוט ער אויך דעם קהל אויף קידער ווידער .
רעזירט זיך און רייכערט שבּת'דיגע פּאַפּיראָסין ,
כּשר'ס בּייט ער אויף טרפה'נע קאַלבּאַסין .
ער זאָגט אויך אַ ווערטיל אויף משה'ן צו אויף דער תורה !
און רעדט מיט איהם האָט ער נאָך גאָר פאַר אַלץ מורא .
אַ פּאַנאַטישער יונגאַטש אופין העכסטין גראַד
און אַ הולטאַי אַ כּל בּוניק ערגער פון ; . . .
זאָל אַ מאָל הייסין נאַריש און היינט קלוג ? אַזא עקשנות ?
איז מיר טאַקי אַ חדוש בּנאמנות ! . . .

אַ מאָהל איז דער טאָג געוועהן צו אַרבּייט און דיא נאַכט צום שלאָף ,
היינט איז עפּיס גאָר אויף דיא דייטשין אַ גאָטס שטראָף .
מע הולעט מע לעבּט , דיא גאַנצע נאַכט ,
אין דעם טאָג ליגט מען אין דער פינצטער פאַר שמאַכט .
דער מיט הייסט מען היינט קלוג , וואָס מע זעהט נאָר שטרייגען
צוא וואַבען בּאַם טויט , און פערשלאָפין דאָס לעבין ! . . .
אויב אַזוי ? איז אוף אייך הלעבין אַ גאָטס רחמנות .
און מיר איז שוין גאָר קיין חדוש ניט בּנאמנות ! . . .

## דער חסידעשער טהערמאָמעטער .

מיינט ניט , מיינע ליעבּע לעזער אַז איך זאָל אייך דאָ ערקלערין
דיא



דיא חכמה פון דער טהערמאָמעטריע (דיא חכמה וויא אַזוי אויס צוא רעכענען אַקוראַט דיא גראַדען פון קעלט און היץ) חלילה ! אָט לויף איך זיך גאָר פליצים אָפּ גיבּין מיט אַזוינע שמאַכטעס , וואָס מיינע אבות אבותינו האָבּין עס ניט גוואָלט קענען ואפילו ! — נאָר גלאַט , איך וויל אייך ווייזען אַז צו ווישין אונז חסידים איז אויך דאָ גרויסע פיהלאָזאָפען . וואָס זייא זענין דערנאָנגען דיא גייסטליכע (רוחניות) טהעמאָמעטריע , אַזוי ווייט אין גרינדליך , נאָך מעהר וויא אַייערע פהילאָזאָפען האָבּען עקלערט דיא פהיזישע (תּוארות) טהעמאָמעטריע ! . . . הערט אמיסטין , וועט איהר שטוינען ! . . איך בּין אַליין אַ פּוילישער , עס הייסט פון קאַמעניצער גובּערניע , איך האָבּ דיא זכיה גהאַט געבּורען צוא ווערין בּייא איינעם פון דיא ווילדע חסידים ! אַוודאי קענט איר פערשטיין , אַז איך בּין געוואַקסען צו ווישין אַלע חסידים , אַזוי ריין וויא אַ כּשר לעמעלע . ריין פון חכמה , ריין פון תורה , ריין פון פּראַקטיקע , אַפילו ריין פון דרך ארץ ! איך בּין גיוואַקסין צו ווישין אַלע חסידים , איך האָבּ מיר פאַר איינגט זייערע אַלע תנועות , און האָבּ אַוודאי ניט אויס געלאָזט איין חסידישע מעלה וואָס איך זאָל זיא ניט האָבּין אין זיך , און נאָך דיא אַלע זאַכין . האָבּ איך קיין ניצליכערס און קיין בּעסערס און עם חסידות ניי . . פונען , וויא היטץ , מעגסט זיין אַ — נ — עזות מחוצף פּנים , איונגאַטש פון יונגאַטשין לאַנד . אַ ליידיגגעהער , אַ פּיסטאַפּאַסניק , און אַיין הפקר יונג , נאָר קאָם האָסטו בּאַקומען דעם נאָמען „אַהייסער יוד" הייסטו שוין איין גליקליכער אין דער וועלט ! — און ווידער פאַר קערט מעגסט זיין איין פיינער אָרינטליכער מאַן , מעגסט טאָג און נאַכט זיטצין על התורה ועל העבודה , און האָבּין אין זיך אַסך מדות ומעשים טובים , נאָר קאָם האָסטו צום שלימזל בּעקומען דעם נאָמען „אַ קאַלטער יוד" מעגסטו דיר שוין בּעסער ווינטשין בּאַציטען דעם טויט ! אַ יאַ מיינע ליבּע לעזער . מיינע רייד קומען אויך אויס וויא טערקיש ? אַדרבּה פּרוּווט איר זיך

צו

צו ערקלערין דיא אורזאכע דער פון ! — נישמער וואס האב איך צו ריידן ? איר וועט עם איביג ניט דערגעהן. ווארום אז ביי אייך קומט עס אוודאי אום פינקט קאפויר, א יא היינט זעהט אז איר מיט אייערע גרויסע פיהלאזאפין, קומט נאך ניט אפילו צו דער פיאטע פון דיא חסידישע אויפגעקלערטע ! און צום אמת טאקי ! וואס פאר א חכמה ליגט אין אייער טהעאמעטריע ? דאכט אפילו א קינד אין וויג קען אויך פילען דיא פיהזישע קעלט אין היטץ ! .. אבער דער גיין גאר אזוי ווייט אין דער גייסטליכקייט, אוים צו מעסטין דיא קעלט אין דיא היטץ פון דער נשמה, א דאם הייסט א בריהשאפט ! א דאם הייסט א—נ—אמתע פהילאזאפיע ! אבער גיט אייערע ! . נאר אויב איר ווילט פארט זיך מאכן א באגריעף אין דערינען. טא קומט מיט מיר אין דער חסידישער וועלט אריין. וועל איך אייך אוים ווייזען פון איטליכען פיצעלע ! . . נאר איידער איך וועל אייך דאס אנהייבין ערקלערין מוז איך אייך אוים לערנען פריער דיא אלע נעמען און צו נעמען וועלכע פוילישע חסידים רופין זיך איינם דעם אנדערין ביז זייא קומען ערשט צו קעלט און היטץ ! — דיא נעמען זענין בסך הכל צעהען—פיר אין דער סטרא אחרא אריין און זעקס אין דער סטרא דקדושא, דיא ערשטע פיער זענין 1) „אויך מיר א יוד“ 2) „א מיאוסער יוד“, 3) א טרפה'נער יוד“, 4) „אקאלטער יוד“) — היינט גייט 1) "א כשרהער יוד" 2) „א טיפער יוד“, 3) „א געקאוועטער יוד“ 4) „א ווילדער יוד“, 5) „א הייסער יוד“, 6) „א גוטער יוד“.)! אזוי רופען זיך דיא באארטע חסידים—דיא יונגע לייטלאך האבן נאך אזויגע צינעמען „צאצקע“, „תכשיט“, „יידענער יונגער מאן“ „עולה תמימה“ און כדומה—מילא איך זאל אייך אן הויבין צו ערקלערין דעם אמתן מכון פון יעדין נאמען בעזונדער, איז א מעשה אן א—נ—עק, נאר וואס דען ? איינינע פון זייא וועל איך אייך ערקלערין, כדי מיר זאלן קענען גרינגער קומען צו אונזר חסידעשער טהעמאמעטרי הערט זשע אוים ! דער יעניגער

חסיד



טיד, וואס איז פארשלאסען אין זיך, ער זיצט שטענדיג באסרעבין אין עק טיש, אלע מינוט קנייטשט ער מיט דיא פלייצעס, און גלאנצט מיט דיא אויגין אין דיא ברימען אריין, אז ער טרינקט בראנפין פארבייסט ער מיט דיא ליפין און שאקעלט מיטין קאפ, אז ער זעהט א געבילדעטין, טוהט ער א קריץ מיט דיא ציין. און שפייט אוים אן ווערטער, ווען ער זיצט צווישען א רעדיל חסידים, וואס זייא דער ציילן דעם רעבינס גבורות, ווערט ער ווייס וויא דיא וואנט און פון גרויס התפשטות הגשמית בלייבט ער וויא חלשות ! אז ער טוהט עפעס א—נ—עובדא וואס ס'איז נגד התורה, און מען פרעגט איהם דארויף, ענטפערט ער גאר ניט, ער טוהט נאר א מאך מיטין גראבין פינגער א היין און אהער עטליכע מאל און דאס איז א תירוץ אויף אלע קשיות, אט א דער הייסט ביי דיא חסידים, "א טיפער יוד" א—נ—עזות מחוצף פנים, וואס ווערט ניט בטל פאר קיינעם אין דער וועלט, וואס רעט אוים דיא גאל, אויף דער השכלה, זידעלט דיא וואס לערנען תנ"ך, לאכט אוים אלע חכמות און וויסענשאפטין, טרינקט בראנפין אויפין עמער, שמייסט יונגע לייטליך מיט דיא פאנטאפעל, אין קלויז, מישט זיך אריין אין אלע פרעמדע עסקים, און האט קיין חרפה און בושה ניט פאר קיינעם, דאס הייסט א געקאוועטער יוד, דער יעניגער וואס ווייסט ניט קיין צורת מטבע, ער טראגט א גרויס אפ געריבען לאפען מיטצעל, איבער דיא אויגין און אז ער טוט אפט א קנייטש מיטין שטערין ארויף, רוקט זיך אראפ דאס מיטציל אופין האלזאנהאקען, טוט ער א קנייטש אראפ, פאלט דאס מיטצעל כמעט אוף דער נאז, ער האט א לאנגען דארען האלז און אינמיטען א קנאפ וויא א—נ—איי דיא גרויס, און דער קנאפ לופט אלע מאל ארויף און אראפ איבערין גאנצן האלז, אזו וויא קוועק זילבער אין א גלעזערין רעריל. אופין הארצין טראגט ער א קישעלע, דיא פלודערין זענין קורץ, און יארשפילעט אין א קרעמפילעץ, דיא זאקין איז איינער א באוולינער,

און

און איינער א וואהלנער, דער קאפטין איז געשטיקעוועט פון יאלערלייא ציינין און אפ געבריאקעוועט, און פון דיא פאנטאפיל קריכט ארויס דיא שטרויא, דער קאפ איז געגאלט ביז דער הויט. און דיא צוויא לאנגע פאות וויא דער גלות ווייזען אויס וויא מיט סמאלע צוא געקלעבט צום קאפ. באם דאווענען שארט ער מיט דיא פיס, גלאנצט מיט דיא אויגין, פאטשט מיט דיא הענט, און שרייט מיט א ווידער קול וויא א טיגער, ביי איזהו ווייגט ער. און ביי והוא רחום לאכט ער. איין ווארט זאגט ער א מאהל צוואנציג, און א סך מורמעלט ער גאר אפ אז מע פערשטייט ניט א האלב אות, אין ביי דעם אלומען ארט איהם גאר ניט וואס מע לאכט פון איהם, תמיד האט ער אין זיך דאס ווערטיל "יאק ריידעלע טא ריידעלע אביא דאברא מיינעלע" אט דער הייסט א ווילדער יוד, ציגד אז איר ווייסט שוין דיא הויבט כללים וועל איך ערשט מיט אייך אריין גיין אין דעם טיפען ענין פון דער חסידישע טהעאמעטריע, — איר זאלט וויסין, אז ניט מיט קיין צדקה אין מעשים טובים קען ביי דיא חסידים אין דיא אויגין אנגעווארעמט ווערין דיא קעלט, אין ניט מיט קיין חטא קען ביי זייא אפ געקילט ווערין דיא היטץ, ווארען גאר ניט אין דעם געוועגט זיך גאר ביי זייא דיא טהעאמאמעטריע! איינער מעגטיהן דאס וואס זמרי האט געטיהן אין מיטען העלען טאג פאר דער גאנצער וועלט אין ביי דיא חסידים זאל עם גאר ניט אויס מאכען, דער פאר וואס זיא האבין אין איהם פריזנאיעט א פריזנאק פון היטץ, און איינער מאג זיין א—נ—אמתער פרימער ארינטליכער מאן זיין גאנץ לעבין, און ביי דיא חסידים האט ער כארט גאר א קליינע ווערמה, ווייל זייא זעהן אין איהם א פריזנאק פון קעלט!... אט דאס האט איר דעם ערשטין בעוויז, אז דיא חסידישע פהילאזאפיע איז א סך טיפער פונם ים וואס אלע אייערע נאטור פארשער אין פהילאזאפין וועלין זייא ניט דערגרינדעווען, פאר וואס שפילען ביי זייא לייטיגייערס הילטייעס א ראללע? און פרימטע

סאלידנע



סאלידנע מענטשין טרעטין זייא מיט דיא פיס? ווארום יענע זענין "הייס" און דיא זענין "קאלט", א נארישער חסיד א—נ—עם הארץ שטייט העכער פונם פיינסטין רב, ווייל יענער איז א הייסער יוד, און דער רב א קאלטער א שיסטער, א חסיד קומט אין בית המדרש אריין. און פאלט אן אופין רב מיט עזות, מיט זידלעריא, און מישט איהם אויס מיט ידער בלאטע גלייך, שטייען אלע חסידים און שווייגען! ניין פארקערט, זייא גיבען נאך דעם שיסטער גרעכט, ווייל דער שיסטער, זאגין זייא, איז א הייסער יוד, און דער רב איז קאלט וויא אייז!.. א קאלטער רב אז ער וויל אין בית המדרש קיין תקון ניט טרינקען לאכען איהם אויס אלע חסידים מיטין גרעסטין חוזק. און א הייסער רב אז ער גייט שכור פון א ברית און אין מיטין נאס פאלען איהם מחילה אראפ דיא תחתונים, און ער אליין צו לייגט זיך מיטין טלית ותפילין וויא לוט, קלאפין נאך דיא חסידים בראווא! - און דאס מוזט איהר וויסין, אז דיא קאלטע רבנים זענין לומדים מופלגים, מיט מדות און מעשים טובים, און זיטצען יומם ולילה על התורה ועל העבודה, און דיא הייסע רבנים זאגען דאס רוב יונגאטשעס, ווייסין ניט א פראסטין דין אין שולחן ערוך. און פר בריינגען יאהר אין טעג אין הבל הבלים, און דאס נעמט זיך איבער צוויא אורזאכין, איינס דיא קאלטע רבנים קומען מרוב ארוים פון פראסטע פאמיליען, וואס האבין ניט פאר זיך קיין שום צד אין קהל, מוזען זייא נעביך אליין דער ווערבין זיך א ווערטעה אין שטאט, מיט וואס זשע? מיט דאווענען און לערנען, מיט צדקה און מעשים טובים, און אזוי הארעוועון זייא אפ ביז דיא מיטעל יאהרין איבער ש"ס און פוסקים ביז זייא ווערין לומדים גאונים, בקי אומעדום וויא א איידלער יוד אין אשרי, דאנן זענין זייא זיכער איגם רבנות מיט איינגעם מרוד און דיא חסידים מוזין שוין נאך זאגין באם. דיא הייסע רבנים אבער קומען ארוים פון גוטע יודין און מגידים זייא הייסין פון בן טובים'ס (איינעקליך) וואס פארבריינגען

זייערע

זייערע יאהרין אין חסידות און אין קבלה, און אין אנדרע דרוש און מוסר ספרים און קיין פוסקים קוקט דיא ניט אן, אפשר א מאהל א לעק א שטיקעל מגנים פון א לאקבעקע וועגין און דיא רבנות שטיל שטייט תמיד גרייט פאר זייא! ווארים אז דער זיידע זיינער דער מגיד, צו דער פעטער דער בלאך איז נעהר ער זאל זיין רב, ווער זשע קען שוין אנדערש זאגין?! צווייטינס דער קאלטער רב, אזוי וויא ער ווייסט געבעך אז דאס פערקילונג שטייט פאר איהם וויא אדארין אין וויג שטרייט ער זיך מיט אלע כחות נאר צוא זיטצען אין לערנין אין צוא ערפאלען זיין פראפעססיאן מיט אמת אין טריייהייט! — ער בארעכענט טויזענט מאהל איבער איין מאה, ער זאל חלילה קיין טעות ניט האבין. ווארען קאנ עפיס א קרעצעל וועלין זיך איהם דיא חסידים עוקר מן השורש זיין, און דער הייסער רב איז זיך שוין בטוח אויף זיין היטץ! — און אז ער רעט אפילו ביכבן עפיס פארקערט וועלין זיך דיא חסידים מאכען דער פון גלאך — און אז ער רעט זיך שוין אפילו גאר פאפארין מיט א טעות און דיא קאלטע רבנים הענד אראן, וואס זייא קענען זיך איהם יאגינפרעכטען דיא קופקע מיט טויזענטער ראיות פון ש"ס אין פוסקים אז ער איז א—נ—עם ארץ, — האט ער זיך דרויף גאר א גיטען תירוץ: אין דיא כתבים פון ר"יא שטייט אזוי! — אינ"ם פרי עץ חיים פסק"ט ער דיא איך זאג ע"פ סוד! — נא ווער סמועט איהם שוין צוא זאגין א קארים... : יעצט מוז איך א ביסעל ריידען פון דער נאטירליכער אדער פהיזישער טהערמאמעטריע כדי דורך דעם זאל מען ערשט ארויס זעהען וויא ערויס אונזערע חסידים זאגען אין פהילאזאפיע, — דיא נאטורפישע זאגין, אז יעדער זשידקאסט האט אין זיך דאס אונגעשאפט, אז אין דער היטץ צו פליעסט זיך עס און אין דער קעלט שרימפט זיך עס אהן" טרייבען דא דורך, האבען זייא ערפינדען אזא מין מאשינע, וואס דאס זאל ווייזען אויף וויא פיעל גראד דיא היטץ אדער דיא קעלט

שטייגט



שטייגט? זייא האבען געמאכט א גלייזערען לאנג רעהרעל, אונטען מיט א הויל ביינקילע, אין דעם באנקילע אין נאך א ביסעל אינעם רעהרעל לאזען זייא אריין קוועק זילבער אדער ריינעם דעסטילירטען שפירט (האלקאהאל) פונם רעריל פאמפעווען זייא ארויס דיא לופט אין פערשטאפען פון הויבען פלאטענע דאס לעכעל, עס זאל ווייטער א היין קיין לופט ניט אריין! דאס רעהרעל שטעלען זייא אריין אין צו נאנגענים הייז, זייען זייא אויף וויא פיעל דער שפירט אדער דער קוועק זילבער האט זיך אהנגעשרימפען פון דער קעלט אראפ, דארט מאכען זייא א 0 צום סמן, אז דאס דיא לעצטע שטופע קעלט, דער נאך געמען זייא ווידער דאס רעהרעל אין זידיגער וואסער אריין, און אויף וויא פיעל דעם זשידקאסט האט זיך צו פלאסען ארויף, מאכען זייא דארט אויך א 0 — דיא לעצטע שטופע היטץ — אין פון דיא 2 — 0 צעכענען זייא שוין אפ ציפערס, עס הייסט גראדען אויף קעלטער אין ווארימער! — היינט זעהט, אז מיט דעם אייגענים מיטעל מעסטען דיא חסידים דיא טהערמאמעטריע פון יודעשקייט אויך — א יא א חדוש! הא? נא, זעהט איר זיך: זייא האבען גענומען א חסיד מיט א לאנגען נארגעל אונטען א קנאפף וויא דאס רעריל מיטין ביינקעלע, אין האבין א היין אונגעגאסען שארפין ספירט, דער חסיד האט עס נאר—אהנגעשלינגען, האט ער באלד איינגעהאלטען דעם אטום, כדי עס זאל זיך אין איהם חלילה ניט אריין חאפין קיין שום פיצעל לופט פינם צייטגייסט!... דעם חסיד האבין זייא אנידר גיזעצט צווישן א ריידיל לומדים מתנגדים אין משכילים וואס זייא זאנין שטענדיג ניכטער, און האבין שוין פארלוירין נעביך דעם לעצטין פינק פייער, דאס לעצטי ביסל לייבענס ווארימקייט, איבר זייער מיטשן זיך אין תורה אין חכמה, — אזוי האט זיך דער חסיד באלד אנגיהייבען אהנשרימפען, ער איז גאר אן לשון גיבליבן, און איז בסך הכל פון א מינצטין פינק געפילע פערקיהלט גיווארן, דער נאך האבין זייא איהם

אריין

אריין גישטעקט אין א ביידעל פייערינע הייסע חסידים, וואס האבן איהם מיט תקון אין מיט התלהבות פונם רבינ׳ס-אותות ומופתים, אונ מיט א פופציג פאר פאנטאפיל אונ וויא הייסט מען דאס אריין, אזוי דער וואַרעמט ביז דער האלקאקאל האט זיך צו שפיעלט איבערין גאנצען הויז, אין איז גיקומען צוא דער לעצטער שטופע היטץ, אז ער האט אזש אנגעהייבען וויא דער וואלקאן פון זיך ווארפען פייער, מיט זידלען אין קללות אויף דיא משכילים אין מתנגדים בכלל — אונ אזוי האבען זייא אנגעהויבין אפ צו רעכענען דיא גראדין פון זייער נייסטליכער טהערמאמעטער, נא, איז דאס ניט צום באווינדערען אז נאר מיטער וואס קאן בעשטימען דיא מאראלישע קעלט אין ווארעם ביז אין פינטעלע אריין, אונ דער צוא האבען זייא עס נאך אין אזא אקוראטנאסט געבראכט, עס זאהל קיין מאהל קיין פראמאח ניט מאכען, אז אפילו דיא גרויסע רבנים מופלגי תורה וואס פון זייער מויל לעבען מיר אונ וואס אונז ווייזט זיך אוס אז זייא זאגען דאכט זיך פיל מיט פייאר אונ פראם פון תורה, אמת אין אמונה, געפינט פארט זייער טהערמאמעטער אין דיא רבנים א געווייסע שטיפע קעלט, אונ ווייזען אז דער שיסטער דער חסיד איז א סך הייסער פון טויזינט לומדים, רבנים, אנשי אמת, והא ראיה מעסטענדיג מיט דעם טהערמאמעטער האבין דיא חסידים באלד דער קענט אינים ק...ר, הא, אז ער איז א קאלטער יוד, אונ האטשי ער איז גוועזן איין חריף איין מופלג בתורה איין חכם א׳ין בעל מדות טובות, אונ דיא שטאט האט זיך פאר א גרוסר זכיה געהאלטען וואס זייא האבין איהם דערטאפט פאר א רב, האבען דיא חסידים אזויא לאנג געברויעט אוף איהם זיין קעלט ביז זייא האבען אים גימאסירט אז ער איז פאר מישט אין פוילישען מאטעזש אונ דער רב האט גמוזט אפ טרעטין ...

ענדע